## אַ פּאָר ווערטער צום אָפּשייד

כ׳געפין פאַר נויטיק אויסצודריקן אין „לשון און לעבן" מיין דאַנק און אָנערקענונג די אַלע פריינט וואָס האָבן מיר געהאָלפן אין לאָנדאָן דורכפירן די אַקציע לטובת די „פרייע האָריזאָנטן". כ׳דאַנק די יעניקע וואָס האָבן מיר געהאָלפן פינאַנציעל און מאָראַליש.

ס׳איז מעגלעך אַז פון מיין באַזוך אין לאָנדאָן זאָלן די „פרייע האָריזאָנטן" זיך פאַרברייטערן און פאַרגרעסערן אין כמות און אין איכות און דינען ווי אַ בריק צווישן די ליטעראַרישע גרופּן אין לאָנדאָן און פּאַריז.

די אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיט די „פרייע האָריזאָנטן" קענען באַקומען דעם זשורנאַל צוגעשיקט, ווען זיי וועלן זיך ווענדן אויפן אַדרעס פון דער רעדאַקציע:

**"Freie Horizonten," 306 rue des Pyrenees, Paris 20-e.**

מיט גרוס צו אַלע פריינט: מ. ח. ליכטשטיין,

רעד. פון די „פרייע האָריזאָנטן",

ליטעראַרישע חודש־שריפט וואָס דערשיינט אין פּאַריז.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

Telephone: SLOANE 0793/4/5

Telegrams: LONGFURDON KNIGHTS LONDON

**S. LONDON LTD.**

**FURIERRS**

★

ESLOND HOUSE:

185-186 SLOANE STREET, LONDON, S.W.1

KNIGHTSBRIDGE TUBE STATION



*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*


# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 8 (העפט 4־163) פערצנטער יאָרגאַנג אויגוסט־סעפּ. 1953 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


צעריסענע אלול שטימונגען, אין די פּאָרכטיקע טעג, כולו חייב, אַ ראש־השנה „מעסעדזש" צום הידראָ־יאָר 1953 א.א.** ........ 1

די ערשטע סליחות אין יאָר 1942 (תש״ב) אין וואַרשעווער געטאָ ........ מיכאל זילבערבערג 7

חיים דער רעוורענד (אַ ימים נוראים פעליעטאָן) ........ קייטי בראון 11

דער משפט (אַ פּאַראָדיע) ........ האַרי פּאַצאַנאָווסקי 13

נעגער פאַמיליע (מיניאַטור) ........ ש. טענענבוים 15

ים־לאַנדשאַפטן (לידער) ........ א. נ. שטענצל 16

אַליין (דערציילונג) ........ רחל מירסקי 19

די גילדענע רויז (פּאָעמע) ........ יוסף הלל לעווי 25

דער כוח פון אַ פּאַסעק (מאָנאָלאָג) ........ אייזיק גאָלדבערג 28

אַפילו לאָנדאָן . . . (עסיי) ........ מלך ראַוויטש 32

חזיונות ואבני חן (רעצענזיע) ........ רחל דון־יחיא 34

וועלט־יידנטום (באַטראַכטונג וועגן דער גענפער קאָנפערענץ פון „יידיש וועלט־קאָנגרעס") ........ ש. י. האַרענדאָרף 35

13 יאָר „העפטלעך"־„לשון און לעבן"; אין יידישע אינסטיטוציעס ........ ש. 38

לאָנדאָנער ידיעות ........ 40

וויטערדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 40


**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פרייז: — 19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד: — 5 דאָלאַר אַ יאָר**

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאַקציע „לשון און לעבן“ ווינטשט אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע אירע מיטאַרבעטער, לייענער און אַלע יידן אין ענגלאַנד, אין ישראל און בכל מקום שהם.

א. נ. שטענצל,

---

משה עובד ווינשט אַלע זיינע פריינט און נאָנטע און כל ישראל בכל מקום שהם אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

יהודה ביעטש און פרוי ווינטשן זייער גאַנצע משפחה, אַלע פריינט און כל ישראל בכל מקום אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

נעט רובין און פרוי ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייערע קרובים, פריינט און אַלע יידן.

---

רחל מירסקי ווינטשט אַ גוט און געזונט יאָר איר שוועסטער און שוואָגער אין צירין, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין ניו יאָרק, משפחה אין מדינת ישראל, אין פאַריז און די גאַנצע משפחה און אַלע פריינט דאָ אין לאַנד אַ גוט געבענטשט יאָר.

---

מנשה ווייסגראז, פרוי און קינדער, ווינטשן זייער משפחה, פריינט און באַקאַנטע בכל מקום שהם אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט געבענטשט יאָר.

---

אַ גוט געזונט און גליקלעך יאָר ווינטשן מיר אונדזער טאָכטער, איידעם, אייניקל, משפחה, פריינט, „פריינט פון יידיש לשון“ און „לשון און לעבן“.

איזיק גאָלדבערג און פרוי.

---

מאקס קאָהען, דער מחבר פונם בוך „די בייגל פאַרקויפעריןביים דניעפער“, ווינטשט זיין משפחה, קרובים און פריינט דאָ, מערב לים, „פריינט פון יידיש לשון“ און „לשון און לעבן“ אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

א. מ. קייזער און פאַמיליע ווינטשן כל ישראל כל טוב.

---

קייטי בראון ווינטשט אירע קינדער, אייניקלעך, משפחה, פריינד און אירע אַלע לעזער, אַ גליקלעך געזונט יאָר.

---

ש. י. הארענדאָרף ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה זיינע ברידער אין מדינת ישראל און בעלגיע מיט זייערע משפחות, קרובים, קאָלעגן און פריינט.

---

מר. אברהם און חנה הינדע שפיגעלמאַן ווינטשן זייערע קינדער דאָ און אין אַמעריקע און זייערע פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט און געזונט יאָר.

---

פרץ אַקערמאַן ווינטשט זיינע קינדער דאָ אין לאַנד, משפחה און „פריינט פון יידיש לשון“ און „לשון און לעבן“ אַ גוט און געזונט יאָר.

---

יעקב טיילאָר און פאַמיליע ווינטשן זייער משפחה, פריינט און באַקאַנטע בכל מקום שהם אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט און גליקלעך יאָר.

---

דזשעני האַט ווינטשט איר משפחה, קרובים און אַלע אירע פריינט און באַקאַנטע אַ גוט און געזונט יאָר.

---

פרוי לילי פרידמאַן ווינשט אירע ברידער, שוועסטער, שוואָגער, צוקונפטיקע שוועגערין, פלימעניצעס, פלימעניקס און משפחה אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט און גליקלעך יאָר.

---

מרס. טאַבאַטשניק ווינטשט איר משפחה, די איסט לאָנדאָן ציוניסטישע פרויען פאַראיין, פריינט דאָ אין לאַנד און אין ארץ ישראל אַ שנת חיים ושלום און אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מר. בראַנשטיין און פרוי ווינטשן משפחה, פריינט און באַקאַנטע אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מאַקס מאקסוועל, פרוי און זין ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע זייערע נאָנטע און פריינט.

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8 (העפט 4־163) פערצנטער יאָרגאַנג אויגוסט־סעפּ. 1953 לאָנדאָן

## צעריסענע אלול שטימונגען

1

איז עס אַ שטימונג, ווייל עס איז דער טראַדיציאָנעלער חודש אלול, וועלכער איז פול מיט רעליגיעזע שטימונגען, וואָס אַפילו נאָך דאָ, אויב יידן לויפן נישט צו סליחות אין שול אַריין, לויפן זיי כאָטש אויף די בית־עולם׳ס צו קבר אבות; איז עס אַן אַסאָציאַציע, ווייל אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך שוין די פּזמון־פּסוקים; „פּתח לנו שער בעת נעולת שער“, „שערי דמעות לא ננעלו“ אָדער איז עס גאַנץ פּשוט, ווייל אין די לעצטע וואָכן גייט דאָס „מאה שערים“ געסל נישט אַראָפּ פון די יידישע מיילער, פון די צייטונג־שפּאַלטן אויף וועלכן מען איזדיעקעוועט זיך אַזוי פון אַלע זייטן?

מילא, ביי די ציוניסטישע פּאַרטייען איז עס גרויס פּאָליטיק, באַוואָפענונג, „גיוס“, אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון גרויס יערוזאַלעם, עמרם בלוי און להבדיל דער פּויפּסט פּיוס... ס׳איז „שומו שמים“! דעם רבינ׳ס שטעקן האָט זיך געשטעקט אין די רעדער פון דער באַוואָפענונג־מאַשין...

אָבער אַפילו די ציינלאָזע איסטן מכל המינים האָבן זיך אויך צעלאָזן מיט אַ געהאַווקע פון אַלע זייטן: רעליגיע „אליך ישראל“ — —

מילא, ווילאַנג מיר, די פּראָגרעסיווע, די „פרייגעזאָנענע“, האָבן נאָך געפּראַוועט און געגאָסן די כל־נדרי־סעודות, מיט אַ מוצא מיט קאָלבאַס, האָט עס נאָך געשמעקט מיט „געגאָסן“־אידיאַליזם, מיט יידעלעך־אידעאָלאָגיע, אָבער איצט אַז די אַלע פּראָגרעסיסטן רעוואָלוציאָנערן, זיצן שוין אַרום די אַפּילשיסלען ווי סינאַגאָגע־פּרעזידענטן און שול־גבאים — — —

צו דער לעצטער מדרגה האָבן מיר דאָך שוין דערגרייכט געזעלשאַפטלעך און קולטורעל! און אויב ליגנדיק שוין אויף דער לעצטע שטופּע, מיר וועלן שוין אַפילו דעם טיפן קרעכץ פון „ממעמקים קראתיך“ אין זיך נישט דערהערן, ווי וועלן מיר שוין דערגרייכן — — צו שמד חלילה!!

וואָרים אַזוינס ווי רעליגיעז־געפיל, ווי רעליגיעזע שטימונג איז נאָך אַ גרויס באַדערפעניש פאַרן שטאַרבנדיקן מענטש און עקזיסטירט נאָך אויף אונזער פאַרגייענדיקער און פאַרדאָרבענער וועלט.

אין אונזער ספּעציעל פּאַרקאָמערציעל קאַריערעריסטיש וועלטל, — נאָך דער בייזער קאַטאַסטראָפע וואָס אונזערע הייליקע און תמימותדיקע שטעטלעך זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן, — ווי וואָלט מען נאָך געקענט אויפהויבן אונזערע קעפּ, אין דעם רעליגיעזן־טשאַד פונם שטעט־פּאַרקויף אין די „מלא׳ס“, אין דעם כלי קודש געפּלאָנטער אין די שולן און בית עולמס, ווען פאַר די אויגן

וואָלט נישט אַ שוועב געטון דאָס אָפּגעראַטעוועטע מאה־שערים געסל מיט זיין הימל־געשריי „שערי שמים פתח“?

אַז אָך און וויי צו אונדז, די יורשים פונם פוילישן ליטווישן יידנטום, די אייניקלעך פון מענדעלע, פרץ און שלום עליכם, זיך צוצוקוקן צו אַזאַ סומאַטאָכע פון אַ כלי קודש־קלער אין ביזע צייט? — — —

אונזער דור אָפּגעפרעמדט פון אונזער טיפער גייסטלעכקייט און שעפערישער גייסטיקייט האָט טאַקע שוין אפנים „כפני כלב“!

יאָ, די „זייאָניסטן“, די „אָפּישלס“ האָבן דערגרייכט וואָס זיי האָבן געוואָלט, קודם אַ סוף צו מאַכן פונם גלות. און די פּראָגרעסיווע און באַוווסטע רעוואָלוציאָנערן אויך: אויב זיי זיינען אַליין נישט געוואָרן „באָסעס“ און פּרעזידענטן אין די שולן, איז כאָטש אַ צוויי־וואָכנדיקע באַצאָלטע „האָלידעי“, אָבער די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, וועט ניט אַנדערש אויסקומען, ווען עס זאָל ווייטער אַזוי אָנגיין, — ווי שמד חלילה.

2

פון זיין שטודיום־און „האָלידעי“־רייזע אין פראַנקרייך, שפּאַניען, איטאַליע און גריכנלאַנד, אַנטלויפנדיק פון פּאָליטיק־טומל און צייטונג־גערויש, באַזוכנדיק די כל־ערליי אַנטיקע מקומות, ווײַרויך אָנגעפּילטע דאָמען, ווו אויף שפּיץ־פינגער גייען יונגע מענטשן אַרום קושנדיק די ווענט, וואַרט ער שוין דער יידישער יונגערמאַן אויף דעם יום כפור טאָג, צו גיין מיט זיין „אָלד־מען“ אין שול אַריין צו זעטיקן זיינע שטימונגען און זיך אָנצוטרינקן מיט יידיש רעליגיעז געפיל, און דאָ פאַלט ער גאָר אַריין אין סאַמע מיטן קאָכנדיקן מסחר פונם כל־נדרי־„אָפּיל“ — כאָטש שפּיל אויף די „התקוה“ אויפן אָרגל!...

דער גאָרגלדיקער חזן שפּעטער אין זיין קלויסטערלעכע טענדע־ווערענדע און קאַטוילישן קראַגן און דער סערווירנדיקער ראַביי מיט זיין „לידינג“־אַרטיקל־„ספּיטש“, איינער, דאַכט זיך אים, דרייט עפּעס עמיצן ביי אַן אויער, און איינער וויל דעם זעלבן דווקא פאַררייסן די ציין...

צו וואָסער קאָנקלוזיעס קומט אַזאַ „יאַנג־מען“, צו וואָסערער שטימונג, וואָסער געפּיל? אין בעסטן פאַל, זוכט ער אויף „זיין“ קריסטלעך מיידל און גייט מיט איר צו די „פּיקטשעס“ — — —

יוגנט האָט פיינט רחמנות־ביזנעס, נאַציאָנאַלן־סענטימענט; יוגנט האָט ליב עכט געפּיל און העראָאיזם; יוגנט פילט זיך נבזהדיק אַז מען קוועטשט אים אויף דער ווייכער סטרונע.

איז אַנשטאָט קלאָר צו מאַכן אונזער יוגנט, אַז די אַלע דאָמען און קלויסטערס איבער גאַנץ אייראָפּע זיינען נאָר צערמאַניען־אימיטאַציעס פונם הר המוריה, מערת המכפלה, קבר רחל, כותל מערבי, איז אַנשטאָט צו וועקן דאָס טיפע אינערלעכע געפּיל, וואָס איז ווי יענע יעקב לייטער אין חלום, וואָס מלאכים גייען אויף איר אַרויף און אַראָפּ — — גוט, דאָס טאָר מען אפשר ניט דערציילן, אויף דעם מוז מען דאָך נאָך וואַרטן ביז משיח וועט קומען! די קאָנסערוואַטיווע יו־ען־פּאָליטיקער און קריסטלעכע פירער זיינען נאָך לעת־עתה



כיטרער פון אונזערע פּראָגרעסיווע מדינה־מנהיגים, זיי ווייסן אַז מקומות הקדושים זיינען נאָך אַלץ די שטאַרקסטע „באַזעס“...

גוט, דאָס טאָר מען נישט דערציילן! אָבער אַז „מאה שערים“, וואָס די לעצטע 200 יאָר האָבן די גלות־ישובים אויפגעבויט אָרום ירושלים, אַ פעסטונג וואָס מיט איר איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן ניי־ירושלים; „מאה־שערים“, אַן אָרים געסל מיטגעבערענגט פון אונזערע היימען, ווו דאָס רעליגיעזע געפּיל און הייליקע שטימונג פילט זיך דאָרט אויף יעדן שריט און טריט, ווו מאַמעס און קינדער קושן דאָרט יעדן שטיין אין דער וואַנט; אַזאַ מאַמעדיק געסל, וואָס שמועסט זיך „צאנה וראנה“דיק אַדורך מיט גאָט — — —

אַריינקומענדיק אין אַ שולכל דאָרט ווערט מען אויפגעציטערט פונם געוואַלטיקן „ברוך הוא וברוך שמו“! אַריינקומענדיק אין דעם אָרעמען „מאה־שערים“ געסל, פילט מען נאָך אַז דאָס הימל־געשריי אין אונזערע שטעטלעך אין די הייליקע טעג „פתח לנו שער“ איז געווען אַן אמתדיקס און אַן ערלעכס, אַז ערגעץ איז דאָך נאָך פאַראַן אַ טויער צום הימל „אכן יש אדוני במקום הזה . . . אין זה כי אם בית אלוקים וזה שער שמים“ — — —

צו פאַרמיאוסן פאַרן גלות אָט דאָס געסל און די באַוווינער דאָרטן אין דעם ליגט אַ מאַזאָכיסטישע אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַ פּראָגרעסיוו־דעקאַדענטישע, נישט נאָר דעם לעצטן שורש פונם גלות עוקר צו זיין, נאָר אויך חלילה דעם בויענדיקן פונדאַמענט פון נייעם בית ישראל.

## אין די פארכטיקע טעג

אַ פיש אין וואַסער שוידערדיק האָט אויפגעציטערט,
ווען אָנגעקומען עס זיינען די פאָרכטיקע טעג;
אין געפלאַטער פון ביימער פאַרזאַמלטע שוואַלבן,
האָבן תפילות געפליסטערט זיך ריכטנדיק אין וועג.

און וואַהין זיינען דען די פייגל געפלויגן?
צום הר־המוריה אין אונזער הייליקן לאַנד!
צו יענעם באַרג ווו ס׳בית המקדש איז געשטאַנען,
צו דער שטיינגעבליבענער כותל־מערבי וואַנט.

און ווען זיי זיינען אַהין דאָרטן אָנגעקומען,
זייער טשוויטשער געזאַנג, זייער פרייד און געוויין,
צענמאָל צען טויזנט פליגל באַקומען ס׳האָט דער באַרג,
אַ געריררט האַרץ — אין דער מויער יעדער האַרטסטער שטיין!

נישט קיין פיש מער אין די וואַסערן אויפשוידערן,
די שוואַלבן ווער ווייסט איצט וווהין זיי פליען שוין אָפּ,
און אויפן מוריה אין דער פאַרלאָזענער וואַנט,
בעטענדיקע שכינה צעשלאָגט זיך בלוטיק איר קאָפּ.

## כולו חייב . . .

„. . . מי בחיה, מי בחרב ומי בחנק,
ווי די שעפסלעך געצייכנט אונטער דער רוט,
פון ספר זכרונות ווערט אַרויסגעליינט
און לחיים פֿאַרשריבן ווער ס'איז גוט — —"

ווי וויל געווען אין יענע גוטע אַלטע צייטן,
צעטיילטע אין מעשים־טובים און אין זינד,
ציטערדיק באַוועגט עס האָט זיך די וואָגשאָל — — —
אָבער אַז כולו חייב דער מענטש אַצינד — —

נישט דער פסק ברויך נאָך צו פֿאַלן — די שאַרפֿע האַק!
עס שטעקט דער מענטש שוין אין דער ערד ווי אַ קלין;
ער שטייט שוין פנים לפנים מיטן תליון,
און נישט תפילה־זכאידיק פֿאַר אַ בית־דין.

אַן אויסגעלייזטע פון מענטש עס מוז ווערן די ערד,
פון האָלץ־וואָרים צעטאָטשעט שוין און הויל — —
אָ, לעבן אין אַ צייט פון כולו חייב,
אַז אָך און וויי ווי גוט עס איז און ווי וויל.

## א ראש השנה „מעסעדזש" צום הידרא־יאר 1953

דאָס ערד קיילעכל מען וועט עס נישט צעשטערן,
צו די פינף וועלט־טיילן נאָר צו קומען נאָך איינע!
.איז וואָס שאַדט עס אַז אַ צוויי דריי הונדערט מיליאָן
מענטשלעך וועלן אומקומען בינו לבינו.

אַ נייער וועלט־טייל! שטעלט אייך נאָר פֿאָר וואָס דאָס מיינט,
נאָך אַ פֿאַרב צווישן די שוואַרץ ווייסע געלע ראָסן!
אויף יענער זייט הידראָציאָן וועט מען נישט נאָר גאָלד,
דימענטן און ברילי‍אַנטן קלייבן אין די גאַסן.

און אַז יידן מ'וועט האַסן אין מאָסקווע, ניו יאָרק,
אַהין מוזן לויפן פֿאַר די פינסטערע פֿאַרשווינען,
אין איין הידראָ־יאָרק נישט צוויי און אַ האַלב מיליאָן —
פינף־און־צוואַנציק מיליאָן יידן וועלן דאָרטן וווינען.

די „כל נדרי אַפּילס", דעם „ישראל באָנד" פֿאַרקויף,
וועלכע פֿאַנטאַזיע די ציפערן זיך פֿאַרשטעלן?
און גאַנץ ישראל שוין, די ותיקים, די עולים,
הידראָ־ציאָן שליחים אויף יענער זייט זיין וועלן.





## אונזערע זין און אונזערע טעכטער

„למה תוקעין בשופר של איל
להזכיר אקידה של יצחק".

זיין זון, זיין איינציקן, זיין יצחק,
האָט אברהם געברענגט אויף דער עקידה;
אַרום דעם באַרג מוריה אַצינד,
מקריב געווען מיר האָבןביידע —

אונזערע זין און אונזערע טעכטער!

אברהם געווען עומד בנסיון,
און יצחק, זיין זון, געבליבן איז לעבן;
אָ, וויפיל לעבנס אָבער אַצינד,
אַרום מוריה אַוועקגעגעבן —

אונזערע זין און אונזערע טעכטער!

אָ, און דער ריח־נחוח־רויך, דער מזבח,
וווּ געדעמפט זיך אונזערע אינגעווייידן,
ווי כולו עולה אויפגעגאַנגען,
די אייניקלעך צוזאַם מיטן זיידן —

אונזערע זין און אונזערע טעכטער.

און ווען דער טאָג פון נסיון קומט,
באַרג מוריה מיט בלוט צו באַשפרענגען,
נישט אַ ווידער מיט געדרייטע הערנער,
וואָס צווישן קזשאַקעס געבליבן הענגען —

אונזערע זין און אונזערע טעכטער!

איז טויט נישט שטאַרקער פון נסיון,
מענטשן־לעבנס פון קרבן נישט עכטער?
גאָט, דערבאַרעמדיקער, זיי דאָך ווידער,
אַ גוטער באַשיצער און אַ וועכטער —

אונזערע זין און אונזערע טעכטער — — —

## די כשרע טענות . . .

(מכוח דעם פרויען מיליטער־דינסט אין ישראל)

וואָרים, אַז גאָט וויל שיסט דאָך אַ בעזעם,
איז וואָס ערשט באַוואָפּענען זיי מיט געווערן ?
איז יעדע יידענע נישט אַ קאָזאַק,
אַז אַ סאָלדאַט ערשט זי זאָל מוזן ווערן ?

נישט גענוג ס'פּליט אַ טעלער אין קאָפּ,
איז דאָס קיכן־געשיר אַ קליינער כלי־זין ?
שוין דאָס וואַלגערהאָלץ, דאָס אומשולדיקע,
נישט איין מאַנספּאַרשוין געבויגן ס'האָט אין דרייען —

ווי נידריק מיר זיינען, ווי געפאַלן,
מיר קוילען, מיר הרגענען איינער דעם צווייטן,
זאָל אויך שוין פאַר דער פרוי, פאַר אַ מאַמע,
אַ לעבן פאַרניכטן ווי גאָרנישט באַדייטן ?

ווי גאָרנישט איז צו טויטן דעם שונא ?
יאָ, זי וועט נאָך ווערן אַ גבור אַ גאַנצער,
פון יעדן שאָס וועט זיך הויבן איר ברוסט
אונטער איר פישביין־קאָרסעט — אונטער אַ פאַנצער :

„אַ משל, אין הויזן אָנגייען ס'קנעפּל,
און דריקן עס, אַז באָמבעס זאָל זיך שיטן" — — —
עס שטייט דאָך „אשת חיל מי ימצא",
און דאָ גאָר קומט אַ זעלנערקע אָנגעריטן !

און די טענה : „ומוכה עץ אני" — —
מען וועט עס בפירוש מוזן איר גלויבן ;
אָט שטייט דאָך אַ לעבעדיקער עדות,
און יעדע „רייטערקע" וועט בלייבן פון אויבן —

און נישט נאָר דאָס פערד, דאָס געזאָטלטע,
אַ זשרעביקל זי קאָן מיט אַהיים ברענגען !
און דערפאַר וועט דער פּרעזידענט אַליין,
די גאַנצע ברוסט מיט מעדאַלן איר באַהענגען . . .

איז נו, זייטשע אַ גבור אַזאַ ברוסט,
אָפּצושפּילן אַ וויינענדיק קינד צו נערן ;
און אַ האַנט מיט אַ ביקס, שטאָט אַ בעזעם,
זאָל דיר אַ שטוב לכבוד שבת אויסקערן . . .



מיכאל זילבערבערג

## די ערשטע סליחות אין יאָר 1942 (תש"ב) אין וואַרשעווער געטאָ

עס וויל זיך זאָגן דעם אמת, איך בין שטאַרק אין ספק צי עס האָט נאָך ווער היינט דרייצן יאָר נאָכן חורבן אַ חשק צו הערן פון יענע שוידערלעכע צייטן, צי ווען אייגענע און פרעמדע ניט פרעגן, צו וואָס ; צו וואָס דאַרף מען היינט שילדערן בילדער וועלכע פאַרטיפן דעם תהום צווישן זיי און אונז. עס איז געשען, הער איך אָפט זאָגן, מיר דאַרפן אָנהייבן אויפ'ס ניי ווי קיינמאָל גאָרנישט.

און זאָל מען טאַקע מודה זיין, פאַרגעסן פאַרגעסט זיך ניט. די האַנד אָבער ציטערט און וויל שוין מער ניט שרייבן. די השפעה פון דער אַרומיקער וועלט איז שטאַרק און מיר הויבן אָן טראָגן דעם צער און ווייטאָג אין זיך, מיט זיך אַז קיינער זאָל חלילה זען וואָס עס קוועלט אונז, לעבן־געבליבענע פון דעם גרויזאַמען חורבן.

פון צייט צו צייט ווירקט אָבער עפּעס אויסערלעכעס, אָפט קומט אַ רוף פון אינעווייניק, פון דער טיפעניש פון אַ פאַרוויסטיקט האַרץ און עס קומט פלוצלינג צוריק דער גאַנצער קאָשמאַר פון יענע יאָרן.

היינט האָט מיר גראַד מיין פרוי געלייענט אַ רעצענזיע אין דעם „אָבסערווער" איבער דעם בוך „טהע פיינעל סאָלושאָן". דער רעצענזענט אַנאַליזירט אין קורצע זאַצן דעם אינהאַלט פון בוך און רירט אָן אין די עיקרדיקע פּראָבלעמען פון אונזער חורבן בימי היטלער ימ"ש. און דאָס איז גענוג געווען אַז עס זאָלן ווידער אויפלעבן בילדער פון יענע צייטן, פון יענע טעג פון אונזער אומקום.

און דאָס איז נאָר אַ קורצע הקדמה צו דער נאַכט און טאָג פון די ערשטע סליחות אין יאָר 1942 אין וואַרשע, אַ טאָג וועלכער איז גראַד דעמאָלט אויסגעפאַלן אַזוי ווי אין איצטיקן יאָר — 1953.

צו קיין סליחות זיינען יידן אין דעם יאָר ניט געגאַנגען, ביינאַכט האָט זיך קיינער ניט געטאָרט ווייזן אין גאַס און אויף צומאָרגנס פאַרטאָגס האָט יעדער פון די נאָך לעבן־געבליבענע געמוזט שטיין אין דער פאַבריק ביי דער אַרבעט. אַזוי האָבן זיך געצויגן שווערע און טרויעריקע טעג פון אַ רייע וואָכן אָן האָפנונג אויף מאָרגן. די נאַכט פון די ערשטע סליחות איז אָבער אין דעם יאָר געווען אַן אמתע ליל שמורים, אַ וואָך־נאַכט נישט צום פאַרגעסן.

מידע און אויסגעשעפּטע זענען יידן שוין פון אייניקע שעה געלעגן אין די בעטן. זיי האָבן זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען טראַכטנדיק פון זייערע נאָענטע וועלכע זיינען אַזוי טראַגיש אַוועקגעריסן געוואָרן. אַ טויט שטילקייט האָט געהערשט אין געטאָ ביינאַכט. פלוצלינג האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג אַרום. יידן זיינען אויפגעציטערט געוואָרן. עס הערט זיך כסדר שטאַרקע טריט פון מענטשן וועלכע קומען און גייען, קיינער וואָגט אָבער נישט אַרויסצוגיין פון שטוב. דער זייגער איז שוין איינס, האַלב צוויי

ביינאַכט און יעדע מינוט איז אַ יאָר. די באַוועגונג שטאַרקט זיך אָבער פון מינוט צו מינוט און מענטשן הויבן אָן אַרויסצושטעקן די קעפּ פון פענסטער.

מען וויל זיך נאָר איבערצייגן צי איז חלילה ניט קיין איבערפאַל פון דייטשן אין געטאָ. די לאַגע ווערט גלייך אויפגעקלערט. דאָס לויפן די יידישע פּאָליציי לייט אַריין און אַרויס. זיי האָבן דאָס געמאַכט דעם רעש אין גאַס. יידן פאַרלאָזן גלייך די היימען, דער רעש וואַקסט כסדר. יעדער וויל וויסן וואָס איז פּלוצלינג געשען. אין דער ערשטער שעה איז שווער צו דערגיין אַ טאָלק. יעדער קומט מיט אַנדער נייעס. איין ידיעה איז שרעקלעכער פון דער צווייטער. דער פּלאָנטער ווערט אָבער גלייך פונאַנדערגעבונדן. עס ווייזט זיך אַרויס אַז די פּאָליצייט האָט טאַקע ביינאַכט באַקומען אַ באַפעל אַז יידן מוזן פאַרטאָג פאַרלאָזן די הייזער, אַלע אָן אויסנאַם. עס זיינען נאָך געווען דעמאָלט אין געטאָ ביז 150,00 יידן און קינדער און קיינער קען ניט פאַרשטיין ווי קען אַזאַ צאָל מענטשן מיט אַמאָל פאַרלאָזן זייערע היימען. יעדער פרעגט קשיות און קיינער ווייס ניט וואָס צו ענטפערן. קיינער ווייס אויך ניט וואָס צו טון, ווי צו רעאַגירן אויף דער גזרה. פרויען הויבן אָן ביינאַכט צו באַלאַגערן די בעקערייען אין געטאָ, יעדע וויל כאָטש האָבן אַ ברויט אין וועג אַריין. מענער לויפן צו באַקאַנטע, קיינער לייגט ניט קיין אַכט אויף דער פּאָליציי־שעה, די גאַסן זיינען געפּאַקט מיט מענטשן.

עס לויפן די שעהן, עס הייבט אָן צו טאָגן. צווישן אַנדערע שכנים האָב איך אין אונזער הויז געהאַט אַ פריינט אַ זשורנאַליסט, וועלכער האָט גראַד געטראָגן מיין נאָמען. ער איז תמיד געווען גוט אָריענטירט אין דער לאַגע און פון זיין שחיטה האָט מען געקענט עסן. איך פרעג אים, וואָס דאַרף מען טון, אויסבאַהאַלטן זיך אָדער גיין. נאָך אַ קורצער באַראַטונג גלויבט ער אַז מען דאַרף גיין.

זעקס אין דער פרי פאַרלאָזן מיר אונזער הויז. אין גאַס ציען מענטשן פון אַלע זייטן. ווער מיט געפּעק, ווער מיט קינדער אויף די פּלייצעס. די באַוועגונג פון די מענטשן אָן אַ ציל, אָן אַ זין האָט זיך גערוקט פאָרויס און יעדער האָט געגלויבט אַז נאָך אַ פּאָר שעה וועט מען זיין צוריק אין דער היים. עס האָט געהייסן אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ סעלעקציע פון אַלע אַרבעטער אין געטאָ. די דייטשן דאַרפן פעסטשטעלן און קאָנטראָלירן די צאָל יידן אין געטאָ. פון יעדער פאַבריק האָבן זיך געהאַלטן באַזונדער. די יידישע דירעקטאָרן האָבן אונז אַרבעטער פון האָפּמאַנס פאַבריק אין דער צאָל פון 5,000 אַרויסגעפירט אין אַ שמאָל, שמוציק געסל. דאָ האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן אויף אונזער גזר־דין. קיין צוריקוועג איז שוין ניט געווען. דערוועג איז דערווייל אָפּגעשלאָסן געוואָרן פון דער ס.ס. און דייטשער פּאָליציי.

די לאַגע איז געוואָרן שווידערלעכער פון מינוט צו מינוט. די זון האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו ברענען און עס איז ניט מעגלעך געווען צו באַקומען אַ טראָפּן וואַסער. פרויען האָבן אַרויסגעצויגן טייערע שטיינער און געבעטן אַוועקצוגעבן זיי פאַר שטילן דעם דורשט. מענטשן זיינען כסדר געפאַלן אין חלשות און קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם.



דערווייל האָבן אונזערע יידישע דירעקטאָרן באַשלאָסן צו געבן אַלע אַרבעטער נייע נומערן. מיט די נייע נומערן איז געווען אַ האָפענונג צו בלייבן לעבן. אָן אַ נומער איז ניט געווען קיין שום האָפענונג. עס דויערט ניט לאַנג און איך הער אַז מיין נאָמען איז אויסגעשטראָכן פון דער ליסטע פון די אַרבעטער. עס העלפט ניט קיין געשריי, עס העלפט ניט קיין אינטערווענץ, עס איז אויך ניטאָ קיין צוריקוועג. אָפּגערעדט שוין פון מיין פרוי, וועלכע איז שוין אין דער לאַגע אַ זיכערער קרבן. עס בלייבט נאָר איין וועג. ווענדן זיך צו מיין דערמאָנטן פריינט נ. ז. וועלכער איז געווען אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט די דירעקטאָרן פון דער פאַבריק. אפשר וועט ער פועלן אַז איך זאָל מיט מיין פרוי באַקומען אונזערע נומערן. עס ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז מיין פריינט האָט אין דער לעצטער מינוט באַשלאָסן זיך מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויסצובאַהאַלטן און איז טאַקע געבליבן אין דער היים. די לאַגע איז שוין אָן שום האָפענונג. אָבער אויפגעבן די האָפענונג ווילט זיך ניט. איך בין זיכער אַז מיין פריינט וועלכער טראָגט דאָך מיין נאָמען האָט זיכער אַ נומער אַלס אַרבעטער. איך אַפּעליר נאָך אַמאָל צו די גדולים אַז היות ז. איז ניט אַרויס מיט אונז, פאַרלאַנג איך זיין נומער. נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג האָבן זיי מסכים געווען און איך בין צוריק רויף אויף דער ליסטע.

די שעהן זיינען געלאָפן און דערווייל איז געקומען אַ באַפעל אַז אַלע מיט נומערן דאַרפן זיך אויסשטעלן אין דער הויפטגאַס, אויף סמאַטשע, אין גרופן צו הונדערט. מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער.

די פּני אין די ערשטע גרופן און די פּשוטע אַרבעטער אין די ווייטערע גרופן. אַלע אָן נומערן ביים סוף און גאָט זאָל העלפן. דאָס איז געווען דערווייל די לאַגע און דער גאַנצער סדר איז געוואָרן דיקטירט פון אונזערע יידישע מושלים. איך האָב געהאַט מיין פּלאַץ אין דער זעקסטער גרופּע.

איך געזעגן זיך מיט מיין פרוי און זי בלייבט צוזאַמען דערווייל מיט הונדערטער אָן נומערן, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל זקנים, מענער און פרויען. זיי דאַרפן גיין נאָך אַלע גרופן צום סאַמע סוף. אין צווישנצייט באַווייזן זיך די ערשטע ס.ס. לייט. זיי דערנענטערן זיך צום פּלאַץ ווו עס שטייען מענטשן אָן נומערן. איך זע נאָך פון דער ווייטנס מיין פרוי, באַקאַנטע וועלכע שטייען אומבאַהאָלפן און וואַרטן אויף אַ נס. די ס.ס. לייט ציען אַרויס די רעוואָלווערן און הויבן אָן צו שיסן די אויפן פּלאַץ פאַרזאַמעלטע. מענטשן פאַלן איינער נאָכן צווייטן. אָן אויפגעקאָכטער שפּרינג איך אַרויס פון מיין גרופּע און הויב אָן צו רופן אויפן קול מיין פרוי. מענטשן טומלען, מאַכן סקאַנדאַלן אַז איך וועל זיין שולדיק אין זייער טויט. איך הער נישט קיינעם און שטופּ זיך דורך צום פּלעצל. מיין פרוי דערהערט מיין שטימע און דערנענטערט זיך צו מיר. מיט דער האַנט בייגט זי אַוועק די לופע פון אַ דייטשן אָפיציר, ער שמייכלט און לאָזט זי דורך. איך נעם זי מיט מיר און שטעל זי אַוועק אין דער גרופּע פון מענער. מיינע שכנים הייבן ווידער אויף אַ געשריי, איך קוילע זיי אָן אַ מעסער. אַ פרוי צווישן מענער און צו דעם איז דאָך די צאָל איצט ניט הונדערט נאָר הונדערט איינס.

די צייט איז דערווייל געלאָפן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ קייט פון דייטשע מיליטער לייט. אַלע זיינען מיר געבליבן שטיין אָן באַוועגונג, אַרום אונז האָט געהערשט אַ מוראדיק שטילקייט. יעדער האָט געוואַרט אויף דעם וואָס דאַרף נאָכקומען. עס זיינען אָנגעקומען די גדולים פון געסטאַפּאָ און אָנגעהויבן די סעלעקציע. צוויי זיינען זיי געווען, איינער פון רעכטס און דער צווייטער פון לינקס.

זיי זיינען זיך געגאַנגען בנעימותדיק מיט שפּיצרוטן אין האַנט און געמשפט, מי לחיים ומי למות. עס איז ניט געווען וויכטיק די גרופּע אין וועלכע מיר זיינען געשטאַנען, זיי האָבן אויך ניט געלייגט קיין אַכט אויף די נומערן. וויכטיק איז געווען דער בליק. די געפּסלטע האָבן געכאַפּט אַ שמיץ מיט דער בייטש און צו דעם אַ חיה׳שן קוויטש — „ראוס“. געפּסלט זיינען געוואָרן עלטערע מענטשן, מענטשן מיט קינדער און סתם אַזעלכע וועלכע זיינען די רוצחים ניט געפעלן. אַלע מיט ברילן — ראוס. אויף די געלע האָבן זיי זיך געוואָרפן ווי די חיות רעות. פון אונזער פאַבריק האָבן זיי אָפּגעציילט 500 כשרע און די איבערגעבליבענע 4,500 זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלנקיע. ביידע, איך און מיין פרוי זיינען אַרויס מיטן לעבן.

ביז היינט צו טאָג פאַרפאָלגן מיך די בילדער פון יענעם טאָג, בפרט די טראַגישע לאַגע פון די פאַרמשפטע. געשטאַנען אונטער מיר אַ רייכער ייד, אַ באַקאַנטער אַסימילאַטאָר מיטן נאָמען גאַלפערן. ער איז געווען פאַר דער מלחמה דער דירעקטאָר פון דער שוועבעלעך מאָנאָפּאָל אין פּוילן. ער איז דאָ געשטאַנען מיט זיין פרוי און אין דער האַנט געהאַלטן אַ קליין וואַליזקעלע. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס ער טראָגט מיט זיך. ווען דער דייטשער רוצח האָט אים געגעבן אַ שמיץ איבערן פּנים, האָט ער אַ צעמישטער עפּעס געזאָגט און דערווייל איז אים פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן דאָס וואַליזקעלע און עס האָבן זיך אַרויסגעשאָטן דעוויזן און בריליאַנטן. דער דייטש האָט זיך געוואָרפן אויף דעם פאַרמעגנס און אין דער זעלבער צייט ניט אויפגעהערט צו שלאָגן דעם יידן מיט דער פרוי.

אַ צווייטער פאַל איז געשען מיט אַטויבן יידן פון לאָדז. ער איז געווען אַ קאָמישער טיפּ און אַלע האָבן אים געקענט אין אונזער פאַבריק. אַ קליינער, אַ געלער, פון באַרוף אַן אַפּטייקער. אין דער פאַבריק האָט ער זיך ווייטער פאַרנומען מיט זיין פּראָפעסיע. די גאַנצע סחורה, אַלע מעדיקאַמענטן האָט ער געפירט אין אַ קינדער וועגעלע. פאַרשטייט זיך אַז די דייטשן האָבן אים, אַ קליינעם, אַ געלן גלייך געהייסן אַרויסגיין. זייענדיק טויב האָט ער ניט געהערט דעם באַפעל און צו דעם האָט ער זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן וועגעלע.

די רוצחים האָבן זיך לוסטיק געמאַכט מיט אים אַ לענגערע צייט און דער סוחר איז געפאַלן אַ גע׳ממית׳טע אויפן גאָס.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דער טאָג פון די ערשטע סליחות אין יאָר תש״ב אין וואַרשע. פאַרנאַכט זיינען מיר, לעבן געבליבענע צוריק האַלב־טויטע אין אונזער פאַבריק אַריין. די סעלעקציע האָט זיך געשלעפּט ביז ראש השנה און האָט געקאָסט אַרום הונדערט טויזנט קרבנות.



קייטי בראון

## חיים דער רעוורענד!

איר קענט דאָך געוויס מיין לאַנדסמאַן חיים, וועגן וועלכן איך האָב אייך שוין אייניקע מאָל דערציילט.

און איר ווייסט דאָך אויך אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער, וועלכע דאַרפן עסן, און האָבן נישט וואָס, און אַז ער איז אַ טאַלאַנטפולער מענטש מיט אַלע מעלות, און ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט קיין מזל נישט, וואָלט ער זיכער געווען אַ גרויסער גביר...

שוין פיל מאָל איז דאָס גליק נישט געווען ווייט פון אים, און אָט, אָט, דאַכט זיך שטרעקט ער אויס די האַנט און כאַפּט עס אָן פאַרן קאָלנער... גיט זיך אָבער דאָס שלים־מזל אַ שטעל אַוועק אין מיטן, דאָס גליק ווערט פאַרשווונדן, און שטעלט אים אַרויס אַ פייג...

אָט למשל האָט זיך געמאַכט אַ פאַל, מיט אַ קורצער צייט צוריק, איז אין אַמעריקע געשטאָרבן אַ גרויסער מיליאָנער, מיט דעם זעלבן נאָמען וואָס זיינער... מען האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען, עס זאָלן זיך מעלדן יורשים נאָך דער ירושה.

האָט חיים גענומען אויסרעכענען זיין משפחה פון דור דורות און דערגאַנגען לויט דעם סטאַטיסטיק, אַז דער נפטר איז טאַקע געווען זיין עלטער באָבעס אַן איניקל... איז דאָך שוין דאַכט זיך גאָר גוט, און ער איז זיכער באַרעכטיקט צו אַ טייל פון דער ירושה. האָט ער געשריבן אַ בריוו, אָנגעגעבן פאַקטן, אינפאָרמאַציע, דורך אַדוואָקאַטן. עס האָט אים אָפּגעקאָסט אַ שפּאָר ביסל געלט. דער סוף איז געווען, אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז גאָר נישט געווען דער, עס איז גאָר געווען אַ ווילד פרעמדער נאָר מיט דעם זעלבן נאָמען.

האָט חיים אויסגעביטלט אַלע זיינע ווייסטע חלומות צו יענעמס קאָפּ, און ווייטער פאַרבליבן דער זעלבער קבצן.

האָט ער זיך געקויפט אַ לאָטערי־צעטל, אויפן איירישן „סוויפּ סטייק“. איז זיין נומער אויפן צעטל געווען אַכט און אַכציק (אַחוץ טויזנטער), געווינט פונקט דער, וואָס האָט ניין און אַכציק, דאָס הייסט מיט איין נומער מער. ווערט ער שטאַרק אין כעס, שילט דעם וואָס האָט אים פאַרקויפט דאָס צעטל, אין טאַטנס טאַטן אַריין, הלמאי ער האָט אים נישט פאַרקויפט דאָס ריכטיקע צעטל. און נאָך, און נאָך אַזעלכע גליקן טרעפן זיך חיימ׳ן טאָג איין און טאָג אויס...

אָבער ער פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ.

אדרבה אָט צוליב די אינצידענטן, לעבט ער גראָדע מיט האָפנונג, זיין האַרץ זאָגט אים, אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין גוט אָפּ...

דערווייל אָבער איז גרויסע צרות, עס איז פשוט נישטאָ וואָס צו פאַרקאָכן.

אויף אַרבעט איז חיים גראָדע נישט קיין פוילער, ער האָט שוין פּרובירט אַלץ אין דער וועלט, מחמת מפרנס צו זיין זיין ווייב און קינדער.

געווען שוין אַ שניידער, אַ סטאָליאַר, אַ הויזן־מאַשינער אַ שמש אין אַ שול, אַ פיש פאַרקויפער, אַפילו שוין געהאַנדלט מיט ציבעלעס און כריין, אָבער ער איז פאַרבליבן אַ ייד אַ קבצן, וואָס האָט אַלץ אין דער וועלט, אַחוץ פרנסה, ביז עס איז אָנגעקומען די נייע באַשעפטיקונג, און עס האָט גענומען אַ סוף צו זיינע צרות...

אַמאָל, אַז עס איז אים געוואָרן זייער שלעכט, פאַלט ער אַריין צו מיר מיט אַ געוואַלד, אַ געשריי: „סטייטש, מענטשן זענט איר? לאַנדסלייט רופט איר זיך? איר זענט גזלנים, רוצחים, מערדער זענט איר, נישט קיין פריינד. פאַרוואָס לאָזט איר מיך אונטערגיין? פאַרוואָס טוט איר נישט עפּעס פאַר מיר?”

אָט אַזוי האָט ער נעבעך געשריגן פון ווייטאָק.

עס האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצן, איך האָב גרויס רחמנות באַקומען אויף אים, און טאַקע איינגעזען אַז ער האָט רעכט. האָב איך נאָך דעם זעלבן טאָג פאַררופן אַ מיטינג פון אַלע גאַליציאַנער לאַנדסלייט, אום צו באַטראַכטן זיין לאַגע און זען וואָס מען קען טון פאַר אים.

מיר האָבן געטראַכט, געקלערט, געבראָכן די מוחות, געזוכט פלענער. נאָר אַזוי ווי מיר זענען גאַליציאַנער נעבעך . . . האָט מען נישט געקענט קומען צו קיין באַשלוס; האָט איינער פאָרגעשלאָגן אים צו מאַכן אַ בענעפיט, האָט אַ צווייטער באַלד אויפגעוויזן אַז עס טויג נישט, ווייל וויפיל געלט מען זאָן אים נישט דערלאַנגען, וועט דערפון ווערן בלאָטע; אַז ער איז אַ ייד אַ שלים־מזל, טאָר מען אים קיין געלט נישט געבן אין האַנט אַריין.

הכלל, נאָך אַ לאַנגער ישוב הדעת, איז מען געפאַלן אויף אַ פלאַן, אַז דאָס בעסטע מיטל וועט זיין, אַזוי ווי עס גייט איצט צו די ימים־נוראים, זאָל ער ווערן אַ חזן אין אונזער גאַליציאַנער שול, מען וועט אים צאָלן אַ וועכנטלעכן געהאַלט און ער וועט קענען מאַכן אַ לעבן.

די פראַגע צי ער וועט קענען איז נישט געווען וויכטיק, ווייל וועלכער ייד קען עס נישט זיין אַ חזן?

די אונטערשטע שורה איז געווען, מען האָט אַוועקגעשיקט דעם אַלטן חזן, דעם ליטוואַק, און אַריינגענומען חיים דעם גאַליציאַנער. מיר האָבן מיט אים געשלאָסן אַ קאָנטראַקט אין וועלכן עס איז איינגעשלאָסן געוואָרן אַ וויכטיקער פונקט, און אויף וועלכן ער האָט זיך געמוזט אונטערשרייבן, און דאָס איז, אַז אויף ראש השנה און יום כפור מוז ער זיך לאָזן וואַקסן אַ באָרד, די לענג און ברייט פון איר איז נישט וויכטיק: זי מעג זיין אַ קליינע, אַ שפיציקע, אָדער אַ רונדיקע, אַ גרויסע, ס'איז נישט קיין אונטערשיד. דער עיקר אַ באָרד מוז זיין. ס'הייסט אַז נאָך די ימים נוראים קען ער טון מיט איר וואָס ער וויל. דאָס איז נישט קיינעמס עסק, אָבער אויף יום טוב מוז ער זי צושטעלן.

און וואָס טוט נישט אַ ייד אַ קבצן צוליב פרנסה? צוליב פרנסה לאָזט זיך אַ ייד אַ חזן וואַקסן אַ באָרד אויך... און חיים האָט זיך אונטערגעחתמ'עט.

גיי איך מיר מיט עטלעכע טעג צוריק אין גאַס, קומט מיר אַנטקעגן חיים, אונזער נייער גאַליציאַנער „רעווערענד”. איך האָב אים פשוט נישט דערקענט. אַ חזן מיט אַלע פיפטשיקלעך....



ער איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרצן אַנצוג, דעם קראַגן איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט, מיט אַ גרויסן שוואַרצן הוט, פון וועלכן מען האָט קוים אַרויסגעזען זיין קליין בלאַס פנים.

איך האָב אים גראַטולירט און געפרעגט ווי ער פילט זיך אויף זיין נייער שטעלע.

ער האָט אַ צופרידענעם שמייכל געטון, און געענטפערט, „נישקשה, איר מוזט דעם שבת אַריינקומען אין שול, מיך הערן דאַווענען. איך זאָג אייך צו אַז איר וועט פון מיר הנאה האָבן. איך האָב צוגעגרייט אַ נייעם רבונו של עולם . . . . וועלכן איך טראָג דאָ ביי מיר אין בוזעם קעשענע, און איך פאַרזיכער אייך, אַז איר וועט לעקן די פינגער פון אים”...

„פון וואַנען קומט צו אייך אַ נייער רבונו של עולם?” פרעג איך נייגעריק.

„איך האָב אים אימפאָרטירט פון אַמעריקע”, ענטפערט ער מיר. „אָבער איך האָב אים אַליין איבערגעאַרבעט און צוגעגעבן אַ פאָר נייע דריידלעך, אַזוי אַז פון אַלטן איז גאָרנישט פאַרבליבן”... און בשעת־מעשה דרייט זיך אים מעשה חזן, דער קנאָפ אינעם גאָרגל.

איך האָב אים געווונטשן גליק, נאָר איידער מיר האָבן זיך געזעגנט, האָב איך אים געמוזט פאַרזיכערן אַז איך וועל אַריינקומען אין שול הערן זיין נייעם רבונו של עולם.

איצט זעט מען איין באַשיינפערלעך, אַז זיין האַרץ האָט אים נישט גענאַרט און ער איז אויפגעריכט געוואָרן, ווייל ווו איז נאָך פאַראַן אַ גרעסער גליק פאַר אַ יידן אַ שלים־מזל ווי צו זיין אַ חזן? . .

---

**הארי פאצאנאווסקי**

## דער משפט

(אַ פאַראָדיע)

אַ רעש, אַ געטומעל איז אויפן „עולם העליון”. מלאכים זעען אויס זייער דערשראָקן. מען שושקעט זיך איינער דעם אַנדערן אין אויער אַריין: אַ סטרייק אין „גן־עדן”!

איז עס טאַקע דאָס ערשטע מאָל, זינט גאָט האָט באַשאַפן דעם גן־עדן, אַז דאָרטן זאָל אויסברעכן אַ סטרייק; און נאָך וואָס פאַר אַ סטרייק! — אַ גענעראַל־סטרייק... דאָס הייסט, אַלע צדיקים און צדקניות, פון גרויס ביז קליין, באַטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן סטרייק. און די אָנפירער זיינען ניט קיין אַנדערע ווי נאָר די גרויסע פערזענלעכקייטן, אונזערע אבות — אברהם, יצחק און יעקב.

דערפאַר איז דאָך טאַקע קיין ווונדער נישט וואָס די מלאכים זענען פאַרזאָרגט, באַזונדערס דער שר־המאכיל און דער שר־המשקים.

דער שר־המאכיל האָט געהאַט אָנגעגרייט פון די בעסטע עסנס פון שור־הבר און פון לויתן, מיט נאָך אַנדערע גוטע זאַכן. דער שר־המשקים האָט געהאַט אָנגעגרייט די בעסטע ווײנען. מען זאָגט, יאַקבי זענען זיי אַזש פון

ששת ימי בראשית. און עס איז שוין דריי טעג ווי קיינער אין גן־עדן רירט נישט אָן קיין זאַך. מען סטרייקט!

צוליב וואָס סטרייקט מען? צוליב דעם רשע מרושע, ימח שמו! היטלער פאָדערט אַ שטול אין גן־עדן... שוין געהערט אַ חוצפה פון אַזאַ כלב?

אַדרעסירט אונזער טאַטע אברהם אַ מיטינג אין גן־עדן:

— ער, וואָס האָט אומגעבראַכט איבער זעקס מיליאָן פון מיינע קינדער, פאָדערט אַ שטול אין גן־עדן? מכות וואָלט איך אים געגעבן! געברענט און געבראָטן אים אין גיהנום טאָג און נאַכט, אַפילו אום שבת! נאָר אויף יענער וועלט, אויף דעם עולם השקר, פירט זיך אַנדערש... דאָרט, אַז איינער פאָדערט אַ שטול אין גן־עדן, מעג ער זיין אַזאַ נבלה, ווי אָט־אָ דער ימח שמו, הערט מען אים אויס!...

און מיט אומגעדולד האָבן אַלע געוואַרט אויפן טאָג פון משפט.

דאָס בית־דין איז געווען געפּאַקט, אַפילו אויף דער גאַלעריע איז נישט געווען ווו צו שטיין. אין די ערשטע רייען פון רעכטס זענען געזעסן אדם און חוה מיט זייער זון הבל. ווי עס ווייזט אויס, איז זייער זון קין נאָך אַלץ אין גיהנום... נעבן זיי איז געזעסן נח מיט זיין ווייב און דריי בנים. פון דער לינקער זייט זענען געזעסן די אבות: אברהם, יצחק און יעקב. נעבן זיי זייערע פרויען מיט יעקב׳ס צוועלף זין און די טאָכטער דינה. אינמיטן זענען געזעסן דוד המלך, שלמה המלך, נאָר אָן די ווייבער... נעבן זיי אונזערע משה רבינו, אהרן הכהן און נאָך גאָר גרויסע פּערזענלעכקייטן.

די שטימונג איז געווען אַ געשפּאַנטע. עס האָט זיך דערהערט אַ קול:— דער שופט צדק!

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט ווען מען האָט אויסגערופן, „היטלער שיקלגרובער”. גלייך האָט מען דעם בעל־דבר אַריינגעפירט.

מען האָט געלייענט זיין פאָדערונג — „אַ שטול אין גן־עדן”!

הקיצור, אַ שטול אין גן־עדן פאָדערט ער, ווייל ער האָט אויפגעטון מער ווי אַלע צוזאַמען, מער ווי אַלע זאַמלונגען אי חוץ־לארץ, אי אין אַמעריקע... איר דאַרפט נאָר בלויז געבן אַ קוק אויף די דייטשע שיפן מיט סחורות, וואָס קומען איצט אָן קיין ישראל!... קומט זשע אים לויטן ארטיקל 56, פּאַראַגראַף 12, אַ שטול אינם גן־עדן!

באַלד האָט זיך אויפגעהויבן דער קטיגור, אַ בויג געטון דעם קאָפּ און דערקלערט, אַז ער רעפּרעזענטירט דעם גן־עדן און זאָגט:

—רבונו של עולם, מיר האָבן זיך בלויז פאַרגעשטעלט מיט וואָס פאַר אַן אכזריות אָט דער היטלער האָט אומגעבראַכט איבער זעקס מיליאָן פון דיינע קינדער. אָבער דו ווייסט דאָך יאָ!

פון גאָטס אויגן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן...

— דערפאַר, — זאָגט ווייטער דער קטיגור, — פאָדער איך די גרעסטע שטראָף פאַר היטלערן.



ער האָט געבויגן דעם קאָפּ, און זיך אַוועקגעזעצט.

דער דיין־אמת האָט אויסגעווישט די טרערן פון זיינע אויגן, געבנדיק זיין פסק:

— יאָ, עס קומט דיר אַ שטול אין גן־עדן.

אויף היטלערס פנים האָט זיך באַוויזן אַ ציניש שמייכעלע. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אין דער זייט, ווו די אבות זיינען געזעסן. אָבער גאָט רעדט ווייטער:

— נאָר פאַר דעם, וואָס דו האָסט אומגעבראַכט איבער זעקס מיליאָן פון מיינע אומשולדיקע קינדער, קומט דיר אַ גרויסע שטראָף: די גרעסטע וואָס ס׳איז פאַראַן. אָבער אַזוי ווי דו ווייסט, אַז איך בין אַ רחום וחנון, וועל איך דיר דיין שטראָף פאַרלייכטערן. דיין שטרף וועט זיין, אַז יעדער צדיק און צדיקת פון גן־עדן, און אין גן־עדן געפינט זיך אַ שיין ביסל צדיקים, וועט דיר געבן מיט דער פייערדיקער רוט פון גיהנום אויף דיין בלויז לייב אַזויפיל שמיץ וויפל יעדן פון זיי גלוסט זיך נאָר!

דער שופט האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין כסא־המשפט און פאַרלאָזט דאָס בית דין. — — —

* * * * *

אַרויסגייענדיק פון בית־דין, האָט זיך אונזער טאַטע יעקב שטאַרק צו־לאַכט. פרעגט אים דער זיידע אברהם:

— יאַנקעלע מיין אייניקל, וואָס לאַכסטו אַזוי?

ענטפערט אים יעקב אבינו:

— זיידעניו, אַז מיר וועלן אַריינקריגן אָט די נבלה אין אונזערע הענט און וועלן אים מקיים פסק זיין, אַז ער וועט נאָך האָבן אויף וואָס צו זיצן, מעג ער האָבן אַ שטול אין גן־עדן...

## ש. טענענבוים

## נעגער־פאמיליע

זיי האָבן אויסגעשפּרייט אַ קאָלדרע אַ ברייטע אַזוי ווי אַ גרינע לאָנקע. ס׳האָבן זיך אַוועקגעלעגט מאַן און ווייב, ריזיקע, הויכע, מיט ערדיש־קערנדיקע פּנימער. און צווישן זיי — זייער טאָכטערל דאָס טונקעלע. מיר איז געפעלן די רו צווישן דער שוואַרצער אדם און חוה. די שטילקייט וואָס ס׳האָט צווישן זיי געהערשט. ווי אַ האַרץ פון אַלט־גאָלד איז צווישן זיי געשטאַנען די שוואַרצע טאָכטער. אַמאָל האָט דער שוואַרצער טאַטע באַרירט מיט טיפער פרייד די סטרונעס פון דער לעבעדיקער, גאָלדיקער האַרץ. אַמאָל האָט מוטער אויפגע־ציטערט מיט געבעט איבער די גאָלדענע סטרונעס פון איר קינד. דאָס קינד איז געווען זייער תנ״ך. זייער אָנגעצונדענער תהלים פון שוואַרצן פייער. זיי האָבן ביידע געטריי געזאָגט תהלים. אַרום דער גוטער פאַמיליע האָבן געטאַנצט די וועווערקעס, די טויבן, די טונקעלע פייגל, טונקעלע ווי טינט, וואָס האָבן אין דער שווערער היל געהאַלטן אָפן די שנאָבלען. ס׳האָט געווייעט פון אַלע זאַכן מיט ביבלישער פשטות.

א. נ. שטענצל

# ים-לאַנדשאַפטן

## 1. סוף-זומער הימל

נישט אויפן הימל שפּאַצירן די וואָלקנס —
שטילינקע זיי שווימען אויף גלאַטיטשקן ים;
און די זון אַריין און אַרויס צווישן זיי,
קילט אָפּ איר פאַרגילדיקט גליאיקן צעפלאַם.

פיינער פאָרצעלאַן זעט זי שווימענדיק אויס,
געזעטיקט פליען די מעווען פון איר אויף;
נישט אין הימל מיט גבייזער זיי פליען —
פריידיק זיי נאָרקען מיט די פיסלעך אַרויף — — —

אין גרויסע כמאַרע פאַרציט ברויזיק דעם ים
אין טויזנט שטיקער איז צעבראָכן די זון;
צום ברעג צו דער שערבלדיקער ווייסער שוים —
פיצלעך פאָרצעלאַן געבליבענע דערפון.

## 2. וואַריאַציע

ביז איבער די בייכער די שעפסן אין גראָז,
שטויסן און שטופן און ווייסן נישט וווהין,
פאָראויס רייסן זיך מעקנדיקע די קעפ,
הינטער זיי די לאָנקע כוואַלעט פעט און גרין;

אַ סטאַדע שאָף געטריבענע פון בייטשן,
אַרומגערינגלט מיט געוואָיע פון הינט,
פאַלן, שטייען אויף און ווייטער אַלץ יאָגן —
אָנלויפנדיקע כוואַליעס אין פייף פון ווינט.

און ווען שטיל ס׳ליגט דער ים גליאיק אין דער זון,
די מעוועס איבער אים שוועבן ווי אין שלאָף —
פון דער אָפּגעגעסענער לאָנקע שוין לאַנג
אַהיימגעטריבן ס׳האָט דער שעפער די שאָף.

## 3. ביי דער ים פלאַזשע

(שערצאָ)

פון קעלער-לעכער, פון בוידעם-שטיבלעך,
מיט האַרץ פאַרקלעמטן, אָטעמט שטיקנדיק שווער,
פון צופיל רחבות, פון צופיל שפע,
מערער ס׳ווערט דער ים מיט נישט איינער אַ טרער.



אויף דער ערד דעם הימל ווער אַראָפּגעברענגט,
מלאכים שפּילן זיי זיך אין אים אַצינד;
איז עס נישט אַזאַ מלאכל אַ הימלישעס,
ביים בלויען ברעג דאָרט ס׳נאַקעט פלעטשערנדיקע קינד?

יענע מאַמע מיט איר חולה נופל,
שפּריצט די שטעקעלעך פיס, נעצט דעם וואַסער קאָפּ —
מומע מרים, מסתמא, מיט איר נעבעכל,
בליקט סמוטנע פון זיבטן הימל אַראָפּ.

## 4. שקיעה שעה

אַזוי אויסטערליש עפּעס, אַזוי מאָדנע,
ווי אויף איינמאָל ראַפּטים עס זעט אַלצדינג אויס;
טויזנט צעפּראַלטע צעשפּיגלטע פענסטער,
און ס׳שעפּטשעט פאַרחלומט פון יעדן אַרויס —

ס׳דערציילן זיידעס פאַרן שלאָף אַ מעשה,
שלעפערן דערמיט זיי׳רע אייניקלעך איין,
נאָר דאָ און דאָרט כאַפּט זיך כסדר איינס אויף,
און פאַלט מיט געפּלאַפּל אין מיטן אַריין — —

מיט פאַרכאַפּטן האַרץ דער פאַרגאַפטער אַרום,
מיט אונטערגעשטעלטן אויער פול געהאָרך,
רויטלט זיך אין חלום, שמייכלט אַזוי ליב,
און רייסט׳ס ראַפּטום איבער מיט פינסטערן שנאָרך.

## 5. אויפגייענדיקע לבנה

נישט ווענוס שפּרינגט דאָס פון פּיאַנאָ אַרויס,
אָפּענעם ים באַלויכטן מיט איר געשטאַלט;
אין איר לאַנגע שלעפּ וואָס פאַלט שלאַנק פון איר לייב,
יעדע וועל אַ זיידן-שפּילנדיקער פאַלט —

די פּיאַנע פון אויסגייענדיקע איז עס,
פון זייערע ליפּן דער גסיסה-שוים!
דאָס כוואַליע געמורמל ביי ברויזנדיקע —
ווידוי-ווערטער אַזעלכע צו פאַרשטיין קוים.

פונם קאָנוווּלסיע קראַמף, פון ראָיענדיקן,
מיט זייער וויכטיקס אַ כאָרכלדיקער זיך הייבט;
דאָס געלע פּנים זיינס אָן אימה וואַרפט אָן,
און פאַרגליווערט אַזוי מיט זיין סוד עס בלייבט.

## שטיינדלעך איבער די וועלן

1

נישט אַ ייִנגעלע איך קאָן מיך מער שפּילן,
וואַרפן גלאַטע שטיינדלעך איבער די וועלן —
טוקנדיקע מעוועס שפּרינגען גלאַנציק אויף,
פלינקע פיסלעך אויפן וואַסער צו שטעלן.

און פון ווילדן אויפברויז בייז צעשווימטן,
אין מיר מיין צוקנדיק צערוישטער רעיון,
טוקנדיק אויפשפּרינגען ער קאָן שוין נישט מער,
ווי אַ ווילדע מעווע זיך צוצעשרייען.

2

אַז אַ פעלדז אין מיטן ים מען קאָן נישט שטיין,
צומאָל אַ לעצטער שטיין ביי ברעג נישט בלייבן,
אַן אָפּגעבליאַקעטער, איינגעגראָבענער,
קריצנדיקע ציפער אויף אים פאַרשרייבן;

ווילט זיך אין אויפברויז כאָטש פון ווילדע וועלן,
אַ צעקרישלטער אויף פּיץ־פּיצלעך ווערן,
און פון די קינדער, שפּילנדיקע מיט זיי,
זייער ברויזנדיק געלעכטער דערהערן.

## דער ים ווען ער איז שטיל

ווי דער ים, ווען ער איז שטיל, איז די ליבע,
אין אַ גוטן טרוים פאַרוויגט זי ערגסטן גרויל;
דער האַס — שטורעם אויפגעברויזטער אָקעאַן!
דאָס ליבלעכסטע — און אַ שוים זעצט פאַרן מויל.

ווי לאַנג עס טראָגט נאָך אין זיך עפּעס דאָס האַרץ,
וויגט עס זיך אַ שיפל ביים ברעג אויף אַ קייט,
גאַנץ ליידיק שוין פאַרטראָגט עס שטילסטע וועלע —
טיפסטער תהום אייגענע אויסגעליידיקטקייט.

2

עס בלאַנקעט אַ וואָלקנדל אויפן הימל,
טיף־פאַרלאָזן אַזוי און טרויעריק און שטיל;
פונקט אַנטקייגן זיך עס דערזעט אַן אַנדערס,
צוקומען דערצו עס האָפט נאָך אַלץ און וויל:

זעט עס דען נישט פונקט ווי איך פאַרלאָזן אויס,
טיף־טרויעריק אַזוי און שטיל און איינזאַם?
פון צער עס צעגייט גאַנץ, ווען פלוצלינג ס'דערזעט,
אַ בילד בלויז פון זיך ס'שפּיגלט צוריק דער ים.



## רחל מירסקי

## אליין

די מיינסטע פרויען אין דעם באָרדינג הויז האָבן זי גערופן די מענער כאַפּערקע. די פרוי האָט מיך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט. פאַר מיר האָט זי אויסגעזען שטיל און באַשיידן.

עס האָט מיך אינטערעסירט צו וויסן פאַרוואָס מען האָט זי באַצייכנט מיט דעם אויסערגעוועגלעכן צונאָמען.

דאָס וואָס איך האָב יאָ באַמערקט, איז געווען ווען זי איז אַריין צו די מאָלצייטן אין דעם עס־צימער, האָט מען תמיד געזען ווי די פרויען האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן פול מיט שפּאָט. עס האָט זיך אָבער אויך באַמערקט אין די זעלבע בליקן אַ סך קנאה.

ווען זי איז צו צום טיש ווו זי האָט געהאַט די מאָלצייטן, זענען אַלע מענער מיט אַמאָל אויפגעשטאַנען, און געבליבן שטיין ביז זי האָט זיך געזעצט.

די פרויען וואָס זענען געזעסן ביי דעם זעלבן טיש זענען געוואָרן עטוואָס רויט אין די פּנימער און נישט געקוקט אויף איר.

די פרוי האָט מיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַראינטערעסירט. איך האָב זייער געוואָלט זי נעענטער קענען, איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דערצו, ווייל זי האָט אויסגעמיטן אַלע פרויען.

אויסער די געווייַלעכע באַגריסונג וואָס מענטשן געבן איינער דעם צווייטן וואָס דער צופאַל האָט צוזאַמענגעברענגט אונטער איין דאַך, האָט מען קיינמאָל נישט געזען אַז זי זאָל זיך מיט וועמען פון די אַנדערע פרויען געסט אונטערהאַלטן.

איין טאָג, ווען איך בין געזעסן ביים ים, האָב איך אונדערוואַרטעט געהערט די שטימע פון דער פרוי מיך אָנרופן ביים נאָמען, און פרעגן אויב זי מעג זיך זעצן נעבן מיר. איך האָב זי נישט געהערט קומען, אַז איך האָב אויסגעדרייט מיין פּנים צו דער זייט ווו זי איז געשטאַנען, האָט זי ווידער געפרעגט: „מעג איך זיך זעצן נעבן אייך?“

איך בין געווען אַביסל איבעראַשט אָבער זייער צופרידן. איך האָב מיין צופרידנקייט נישט באַהאַלטן פון איר.

ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט האָט זי גלייך אָנגעהויבן צו ריידן, אַזוי ווי זי וואָלט פאָרטגעזעצט אַן איבערגעריסענעם שמועס.

עס איז וווּנדערלעך שיין, עס איז אַזוי ליכטיק, אַלעס איז באַגאָסן מיט זון, און דער הימל! אַך, ווי וווּנדערלעך בלוי, און דאָס זעלבע דער ים; עס איז כמעט שווער צו דערקענען וועלכעס איז הימל און וועלכעס איז וואַסער.

און די אַלע מענטשן אַרום וועלן טראָגן אין זיך די וואַרימקייט פון דער זון אַ לאַנגע צייט.

זי איז שטיל געוואָרן, געזעסן אַ צייט פאַרטראַכט און לאַנגזאַם ווידער אָנגעהויבן צו ריידן.

איך פיל, ווי זי וואָלט געשטעלט אַ פראַגע צו עמיצן. איך, פערזענלעך, האָב אַ שלעכטע שטימונג, דאָס איז ביי מיר אַן אָפטע דערשיינונג; פאַר מיר איז

גענוג אַ קלייניקייט, אַ וואָרט, אַ באַמערקונג פון עמיצן, אַ פּנים, וואָס האָט אַ ענלעכקייט צו איינעם וואָס איך האָב אַמאָל געקענט, ברענגט מיך באַלד צו דער שטימונג אין וועלכער איך בין דעם היינטיקן טאָג. די אַלע קליינלעכקייטן וואָס איך האָב איצט אויסגערעכנט ברענגען צוריק צו מיר דערינערונגען לאַנג פאַרגאַנגענע, וואָס מען וויל פאַרגעסן, אפשר נישט אַזוי פיל דאָס וועלן פאַרגעסן, ווי דאָס וועלן פון זיך אַראָפּוואַרפן, די ווירקונג וואָס עס האָט איבערגעלאָזן אויף דעם גאַנצן לעבן, וואָס עס איז אונמעגלעך זיך פון זיי צו באַפרייען.

זי איז ווידער שטיל געוואָרן, נאָר באַלד ווידער אָנגעהויבן:

„איך האָב באַמערקט אַז איר קוקט אויף מיר מיט נייגעריקייט", און זי האָט מיר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. איך האָב מיינע אויגן נישט אַראָפּגעלאָזן, ווייל עס איז דאָך געווען אמת וואָס זי האָט געזאָגט און איך האָב דאָס נישט געוואָלט באַהאַלטן פון איר.

זי איז געזעסן פאַרטראַכט אייניקע מינוטן און עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז זי לעגט איבער אויב זי מאַכט נישט קיין טעות אין איר צוטרויען צו מיר, ווייל זי האָט אייניקע מאָל פון דער זייט אויף מיר געקוקט.

דורך דער צייט וואָס זי האָט געשוויגן האָב איך געהאַט צייט זי גוט צו באַטראַכטן פון דער נאָענט.

זי איז געווען פון מיטלען וווקס, מיט אַ שלאַנקן באַוועגלעכן קערפּער, אַ קאָפּ שוואַרצע געדיכטע האָר דורכגעוואָרפן מיט עטוואָס זילבער. שוואַרצע אויגן וואָס האָבן אַ רויטלעכן שיין, מיט דיקע שוואַרצע ברעמען וואָס געבן צו אַ סך כאַראַקטער צו איר לענגלעך, מאַטן פּנים.

איר קליידונג איז איינפאַך אָבער מיט געשמאַק. איר גאַנצע אויסזען איז פון אַ מענטש מיט כאַראַקטער און גוטער האַלטונג.

פאַר מיר האָט זי אויסגעזען אַ יאָר דרייסיק אָדער עטוואָס מער. איך בין געווען זייער איבערראַשט ווען זי האָט מיר געזאָגט אַז זי איז אַלט דריי און פירציק יאָר.

זי איז נישט באַזונדערס שיין, עס איז אָבער עטוואָס אין איר וואָס מען קען מיט ווערטער נישט באַשרייבן, עס איז געקומען פון איר אַ וואַרעמקייט. איר מילד פּנים האָט תמיד געשמייכלט ווען זי האָט גערעדט. זיצנדיק נעבן איר האָב איך דערפילט פאַרוואָס די מיינסטע פרויען אַרום איר פילן קנאה.

איך האָב געפילט נאָענט און דאַנקבאַר צו איר וואָס זי האָט מיך אויסגעוויילט צו געבן איר פריינדשאַפט מער ווי צו אַלע אַנדערע.

ווען זי האָט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן האָט איר שטימע געקלונגען פריי און אָפנהערציק.

„איך האָב באַמערקט אין אייך עפּעס וואָס האָט מיר זייער געפעלן, און איר, פרוי מ. האָט מיר נאָכגעקוקט מיט נייגעריקייט. איך האָב דאָס דערזען, האָב איך פלוצלינג דערפילט אַ פאַרלאַנג זיך צו דערנעענטערן צו אייך".

„איר ווייסט דאָס זיכער אַזוי גוט ווי איך אַז מען געפינט זיך אין דער אומגעבונג פון דער שיינער נאַטור איבערהויפּט ביים ים וואָס איך האָב אַזוי



שטאַרק ליב, ווערט מען איבערפאַלן פון שטימונגען, מען פילט מאַנכעסמאָל אַז מען וואָלט געקענט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט און דריקן צום האַרצן.

„באַלד ווערט מען אָבער איבערפאַלן פון אַ טיפן אומעט פון וועלכן מען ווערט אויפגעפרעסן, ווייל די איינזאַמקייט איז אַזוי שרעקלעך. עס איז שווער צו זיין אַליין".

זי האָט אין דעם מאָמענט ווען זי האָט דאָס געזאָגט צוזאַמענגעפלאָכטן אירע שיינע לאַנגע פינגער ווי אין פאַרצווייפלונג.

„און פאַרוואָס זענט איר אַליין?" האָב איך געפרעגט. איך האָב געוווּסט אַז איך וועל באַלד הערן עטוואָס וואָס עס וועט זיין טרויעריק.

און עס וועט דערציילט ווערן פון אַ מענטש וואָס אַ סך זענען גאָר מקנא.

איך האָב נאָך אַמאָל געשטעלט די זעלבע פראַגע צו איר: „פאַרוואָס זענט איר אַליין? איך זע אייך אָפט צוזאַמען מיט פריינד פון דאָ און אויך אַנדערע, און אויך שיינע, אינטערעסאַנטע מענער. איך זע נישט פאַרוואָס איר דאַרפט זיין אַליין". עס האָט מיך אָבער באַלד פאַרדראָסן פאַרוואָס איך האָב דאָס געזאָגט.

דאָך האָב איך ווייטער גערעדט: „מילא אַז פרויען האָבן אייך נישט גערן דאָס פאַרשטיי איך נאָך. זייער אָפט האָב איך געטראַכט אַז עס איז די נאַטור פון אַ גרויסע טייל פרויען צו דענקן פון זיך אַז זיי זענען בעסער פון די אַנדערע, און דאָס איז אפשר דערפאַר וואָס די אַנדערע האָט די אייגנשאַפטן וואָס עס פעלט זיי, און דאָס מאַכט אַז די אַנדערע האָט אַ גרעסערן דערפאָלג אי ביי מענער און אויך אין אַנדערע זאַכן. און דאָס באַשאַפט אַ געפיל פון קנאה. פרויען קענען זיין זייער שלעכט ווען זיי ווערן באַהערשט פון דעם געפיל.

„איר האָט דאָך אָבער אַ סך מענער פריינד, פאַרוואָס מאַכט איר נישט איינעם פון זיי פאַר אייער אייגענעם און נאָענטן, איך בין זיכער אַז מער ווי איינער פון די אַלע וואָס איך זע מיט אייך וואָלט געוואָלט זיין אייער מאַן פאַר תמיד. איך מוז ווידער פרעגן די זעלבע פראַגע, פאַרוואָס זאָלט איר זיין אַליין און איינזאַם?"

„אַז איר רעדט צו מיר אַזוי ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז איר וועט צו מיר ריידן, וועל איך אייך עטוואָס דערציילן וועגן מיר, דאָס וועט אפשר פאַרענטפערן אייערע פראַגן.

„איך ווייס דעם נאָמען מיט וועלכן מען האָט מיך באַצייכנט אין דעם באָרדינג הויז, ווו מאַנכע ווערן רויט פאַר כעס און אַנדערע שמייכלען קלוג, ווען מען רופט מיך די מענער כאַפּערקע.

„גלויבט מיר, אַז איך וויל קיינעם פון די מענער כאַפּן.

„איר ווייסט דאָס זיכער, אַז מען זאָגט אַז קינדער און חיות האָבן אַ באַשטימטן אינסטינקט, זיי ווייסן תמיד צו וועמען זיי קענען זיך דערנעענטערן, אָדער דערווייטערן. אפשר איז דאָס אויך מיט דערוואַקסענע מענטשן. איך האָב מער ווי איינמאָל וועגן דעם געטראַכט. מעגלעך אַז די אַלע מענער וואָס איר זעט אַרום מיר האָבן דערפילט אין מיר דאָס וואָס עס איז מיין טראַגעדיע.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, אייערע פראַגן וועלן אפשר ווערן פאַרענטפערט. איר וועט פאַרשטיין, ווען איר וועט הערן וואָס איך וועל אייך דערציילן! אָבער ערשט וויל איך אייך נאָר זאָגן דאָס די אַלע מענער אַרום מיר באַנעמען זיך מיט רעספּעקט. קיינער פון זיי וואַגט נישט צו זאָגן אַ גראָב וואָרט אין מיין קעגנוואַרט. איך גיב קיינעם פון זיי קיין געלעגנהייט דערצו, עס אַרט מיך אָבער אויך נישט, וואָס די פּרויען רעדן וועגן מיר. איך ווייס אַז מיין געוויסן איז ריין. איך פאַרדין זיכער נישט דעם נאָמען וואָס זיי האָבן מיר געגעבן.

„איר וועט זיך אָבער וואונדערן ווען איך וועל אייך זאָגן אַז טראָץ דעם וואָס קיינער האָט נישט קיין נאָנטן צוטריט צו מיר, האָב איך דאָך גערן די געזעלשאַפט פון מענער! און נאָר פון פאַרהייראַטע מענער!

„איך באַמערק אייער נייגעריקן קוק. איר דענקט אַז איך בין אויסערגעוויילעך, יאָ, אפשר בין איך דאָס", האָט זי געזאָגט מיט אַ זייער שטילע שטימע.

„יעצט וועל איך אייך דערציילן", האָט זי פאָרטגעזעצט.

„איר זעט? איך טראָג אַ רינג אויף דעם פינגער פון מיין לינקער האַנט. איך בין אָבער נישט פאַרהייראַט. פאַרוואָס איך טראָג דעם אָנגענומענעם ערנהאַפטן צייכן פון אַ פאַרהיירטע פרוי ווייס איך נישט. אפשר איז עס אַ צייכן פון בענקשאַפט, — אַ בענקשאַפט פאַר עפּעס וואָס עס איז פאַר מיר פאַרלוירן געגאַנגען".

זי האָט געקוקט אויף דעם רינג. אויך איך האָב זיך איינגעקוקט אויף דעם און אויך די ברענענדיקע זון האָט דאָס זעלבע געטון, ווייל דער רינג האָט געבלישטשעט פון דער זון אויף איר פינגער.

זי איז געזעסן שטיל. איר פּנים איז געווען טרויריק. זי רעדט ווייטער:

„איך בין געבוירן אין אַ קליין שטעטל אין אונגאַרן. מיינע עלטערן זענען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן. עס איז ביי אונדז געפירט געוואָרן אַ שיינע בעל־הביתישע היים. אונדזער הויז איז תמיד געווען דער צענטער פאַר מענטשן וואָס האָבן געוואָלט געהערן צו אַ קרייז, וו מען האָט געקענט אויסטוישן געדאַנקען מיט קלוגע, אינטעליגענטע מענטשן.

מיין פאָטער איז געווען אַ ייד אַ משכּיל, אַ מאָדערנער ווייל לערנער. מיין מוטער, אַ גוט־האַרציקע פרוי, וואָס איז יעדן אַקייגנגעגאַנגען מיט אַ באַגריסלעכן שמייכל, האָט ליב געהאַט זיך צוצוהערן צו אינטערעסאַנטע שמועסן און מכבּד צו זיין די געסט מיט אַלעם גוטן.

„איך בין געווען די איינציקע טאָכטער און מען האָט מיך אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

„אין דער שטאָט ביי אונדז איז געשטאַנען מיליטער. אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען אַ פריינד פון מיין פאָטער און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יידישן סאָלדאַט. ווען מען האָט מיך פאַר אים פאָרגעשטעלט האָט מיך באַלד אַרומגענומען אַ וואַרעמקייט. איך האָב דערפילט עטוואָס וואָס איך האָב קיינמאָל פריער דאָס נישט געפילט.

„איך האָב באַלד געוווסט אַז איך וויל אַז דער מאַן זאָל מיך ליב האָבן!



„יעדעס מאָל ווען דער מאַן איז געקומען צו אונדז אין הויז האָט עס אין מיר געזונגען מיט פרייד.

„עס איז זיכער איבעריק אַז איך זאָל אייך דערציילן וועגן מיין גליק, ווען ער האָט מיר געזאָגט דאָס וואָס איך האָב מיר אַזוי שטאַרק געווונטשן פון אים צו הערן.

מיר זענען ביידע געווען גליקלעך, מיר זיינען ביידע געווען באַהערשט פון אַ טיפע אינערלעכע פרייד. זיין ליבע צו מיר איז געווען מיט אַזוי פיל צאַרטקייט, אַז איך האָב מאַנכעסמאָל מיך געשעמט אַרויסצווייזן מיין ליבע צו אים וואָס האָט מיך אין גאַנצן איבערוועלטיקט.

„איך האָב אָנגעהויבן צו באַמערקן אויף זיין שיינעם פּנים אַ שטן פון אומעט. איך האָב מיר דאָס נישט געקענט דערקלערן פאַר וואָס דאָס איז אַזוי.

„מיינע עלטערן זיינען געווען גליקלעך ווען זיי האָבן געזען וואָס עס קומט פאָר מיט מיר, איבערהויפּט מיין מוטער, מיין ליבע גוטע מאַמע!

„אין אַ צייט אַרום האָט מען ביי אונדז אין הויז אָנגעהויבן צו ריידן וועגן אַביסל נחת פאַר טאַטע מאַמע. איר פאַרשטייט דאָך וואָס עלטערן מיינען דערמיט.

„דעמאָלט איז געקומען אַן ענדע צו אונזער ביידנס גליק. דעמאָלט איז מיר קלאָר געוואָרן זיין אומעט וואָס איך האָב באַמערקט. ער האָט מיר צוזאַמען מיט מיינע עלטערן דערציילט אַז ער איז פאַרהייראַט.

„ווען ער האָט דערציילט זיין געשיכטע בין איך נישט געווען פאַרביטערט קעגן אים. אויך מיינע עלטערן זיינען דאָס נישט געווען.

„דאָס וואָס ער האָט דערציילט איז געווען אַ יידיש מענטשלעכע טראַגעדיע וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט.

„מיר זיינען געוואָרן צוויי צעבראָכענע קערפּערס. מיר האָבן געמוזט ווערן צוויי פרעמדע. מיינע עלטערן האָבן אַלץ געטון מיר צו העלפן פאַרגעסן דעם פאַרהייראַטן מאַן.

„זיי האָבן געהאָפט, ווייל איך בין געווען זייער יונג. איך אָבער האָב ווייטער געטראָגן אַ טיפע ליבע פאַר דעם פאַרהייראַטן מאַן.

„עס איז אַוועק איין יאָר. מיינע עלטערן האָבן מיך צוזאַמענגעפירט מיט אַ פיינעם אינטעליגענטן מענטש. מיינע גוטע טאַטע מאַמע האָבן געדענקט אַז איך וועל חתונה האָבן וועל איך פאַרגעסן. עס איז געווען ווי אַ שטילער אָפּמאַך צווישן מיינע עלטערן און מיר, עס איז קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן דאָס וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט.

„אויך איך האָב אָנגעהויבן דענקן אַז איך וועל פאַרגעסן און איך וועל קענען לעבן מיט דעם מענטשן וואָס מיינע עלטערן האָבן פאַר מיר אויסגעקליבן. ער האָט מיך אויך זייער ליב באַקומען.

„דאָס מאָל האָט מען אָנגעהויבן צוגרייטן אַ חתונה. איך זעלבסט האָב זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דעם צוגרייטן און איך האָב נישט באַמערקט, אַז מיין זיין אַריינגעטאָן אין דעם אַלעם, איז געווען אַזוי ווי איך וואָלט דאָס געטאָן פאַר

און ווערט זי אַנדרימלט דאַן קומט איר צו חלום
איר כשרע מוטער פון הימל באַמיט,
און טוליעט צום האַרץ זי מיט טרערן־געבעטן
זי זאָל נישט פאַרגעסן צו בלייבן אַ ייד.

ווי וואָלט זי געוואָלט דאַן פון אַלעם אַנטלויפן
אַריין אין אַ מדבר אויף טויזנטער מייל,
און קאַזשימיעזש פילט דאָס און בעט זי בדמעות,
אוי אסתרקע שיינע וואָס פעלט דיר, דערצייל?
מיין טאַטע ער איז דאָ געקומען פאַרטריבן
אַהער מיט דעם אייביקן שטעקן אין האַנט,
און דו האָסט אויף ברייט און אויף ווייט אויפגעעפנט —
אינגאַנצן פאַר יידן דאָס פוילישע לאַנד.

האָבן פאַרוואָרצלט זיך דאָ מיינע ברידער,
מיט בתי מדרשים, ישיבות אַ קוואַל, —
מיט שולן, רבנים און גרויסע למדנים,
וואָס האָבן די תורה פאַרפלאַנצט איבעראַל.
מיט חסידים, מתנגדים, רביים, צדיקים,
וואָס האָבן דעם הדיוט דערהויבן מיט קראַפט,
באַפליגלט דעם רבים מיט גרויסער אמונה,
אין פינסטערן גלות בטחון פאַרשאַפט.

נאָר היינט זענען בלוטיקע וועלף אונז באַפאַלן,
באַגזלט פון הונדערטער יאָרן דעם ווערט!
פון יידישן לעבן געמאַכט אַ בית עולם,
מיט בערגער פון אַש אויף דער פוילישער ערד.
אָ גיב פון דער מאַמען מיר ס'זיידענע טיכל,
צוריק אויף כדי צו באַדעקן מיין קאָפּ,
לאָז שפּילן מיר קאַזשימיעזש אָ יידישן ניגון
און פיר מיך נאָך איינמאָל צום טאַטן אַראָפּ.

אַראָפּ צו דעם שניידער אין אָרימען הייזל
צום בעט פון דער מאַמען כ'וויל קושן איר קלייד,
און דאָרט וויל איך איינמאָל נאָך ס'האַרץ מיינס אויסגיסן,
אָ קאַזשימיעזש וויעלקי, בעפויער ס'פאַרגייט.
איך בין דאָך אַן אָרימע יידישע מיידל,
דו פוילישער קיניג זיי מוחל מיין חטא!
ווען קאַזשימיעזש געוואָלט האָט זיין ליבסטע אומאַרמען
זי האָט קוים פון פיבער צו אים נאָך גערעדט:

אָ זיי מיר געזעגנט מיין ערליכער קאַזשימיעזש,
דיין ליבע צו מיר האָט נישט פוילן געפאַסט;



עס האָבן מיך נישט דיינע ברידער פאַרשטאַנען,
דורך אַלע די יאָרן נאָר טיף מיך געהאַסט.
און כאָטש כ'האָב געזוכט זיך מיט זיי צו פאַרבינדן,
זיי האָבן מיך אייביק געמאַטערט, געפלאָגט,
אָ זיי מיר געזעגנט מיין האַרציקער קאַזשימיעזש,
ס'האָט פוילן אַליין מיך פון פוילן פאַריאָגט.

17

אַזוי ווי פון דעמער
די בלויליכע קלאַנגען
מיט פורפלנעם אומרו פאַרפילט, —
עס איז מיט אַ זמר
איר האַרץ אויסגעגאַנגען
פון ליידן און בענקשאַפט צושפּילט.

אין תפילות און סליחות
ווי הייליקע כריכות,
איר גופל געווען איז אַרום —
געוויקלט מיט שימער
אין איינזאַמען צימער
אַזוי ווי מיט שטראַלן אַ בלום...

שענה'לעך דינע
אויף ווערבעס געבויגן
ביים טייכל גערוישט האָבן שטיל,
געהאַט ווי די שכינה
פאַראומערטע אויגן
פון יידישן צער אָן אַ גביל.

די טויטליכע דרכים
געשווינדט דורכצושפּרייזן
דערשינען מיט רחמים און גנאָדט, —
עס זענען מלאכים
כדי איר צו ווייזן —
דעם וועג דאָרט דעם נאָנטסטן צו גאָט...

ס'איז מער נישט פאַרבליבן
פון ליידן און ליבן,
פון אָרימען שניידערלס הויז,
פון אסתרקעס גלידער —
נאָר טרויריקע לידער
פאַרבענקט ווי די גילדענע רויז...

(שלוס)

## אייזיק גאלדבערג

# דער כוח פון א פאסעק! . . .

(אַן עלטערער ייד צערעדט זיך פאַר זיינס אַ פריינט)

געווידמעט „לשון און לעבן" צום פירצן־יאָריקן דערשיינען.

—איך קען אייך זאָגן, אַז מיינע קינדער זענען אָרענטלעכע קינדער, ניט ווי מ׳זעט עס צו ביי אַנדערע. און דאָס איז דערפאַר, ווייל איך ווייס ווי זיי צו דערציען. פאַר מיר האָבן די קינדער דרך־ארץ; האָבן מורא פאַר מיין בלויזן קוק. ווארום איך בין נישט פון יענע צעבראָכענע לעמעשקעס, וואָס ציטערן אַ קינד אָנצורירן. גלויבט מיר, אַז דערמיט טוט מען זיי קיין בערעשע טובה ניט.

אַז אַ קינד האָט אַמאָל מיך נישט געוואָלט פאָלגן, האָב איך באַלד אַראָפּגענומען דעם פאַסעק און „געשניטן" האַלב ביז טויט! נאָך היינט קאָנט איר געפינען ביי מיינע פאַרהייראַטע קינדער צייכענעס אויף זייערע לייבער פון מיין פאַסעק; אַ סימן איך זאָג אייך קיין ליגנט נישט. עס האָט טאַקע זייער פיל געהאָלפן.

מיינע קינדער, זעט איר, האָבן מיר געמוזט אָפּגעבן דין־וחשבון פון וואָס זיי טוען, ווו און מיט וועמען זיי גייען. שפּעטסטנס עלף אַזייגער ביינאַכט האָבן זיי געמוזט זיין אין דער היים. אַז נישט, האָב איך אַראָפּגענומען דעם פאַסעק און געריסן לעבעדיקע פאַסן; ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן!

טאַקע צוליב דעם, איר מעגט עס מיר זיכער גלויבן, זענען זיי זייער פיינע און אָרנטלעכע קינדער; זיי זאָלן מיר נאָר געזונט און שטאַרק זיין. האָבן האָב איך אַכט — זעקס טעכטער און צוויי זין.

בקיצור, זעקס האָבן שוין, מיט מזל, חתונה געהאַט. בלויז דער יונגסטער זון און איין מיידל זענען נאָך אין דער היים. אָט פון זיי טאַקע האָבן מיר עס די גערייסענע צרות...

מיינט נישט, חלילה, אַז זיי גייען אויף שלעכטע וועגן. ניין! אויך זיי זענען פיינע, אָרענטלעכע קינדער; גוט ווי גאָלד. נאָר צו די חתונה־געהאַטע קומען זיי נישט, ווייל איבער יענע האָב איך געהאַט אַ שליטה; נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו דערציען לויט מיין „שנירל", אַקוראַט אַזוי ווי איך האָב געוואָלט. אויף יענע האָב איך געקאָנט גוט אַכטונג געבן און זיי דערציען אין דער היים.

טאָמער האָבן זיי זיך „עפּעס פאַרדינט", נישט וועלנדיק געהאָרכן, האָב איך נישט געזשאַלעוועט, נאָר באַלד „באַצאָלט" מיט מיין פאַסעק, פאַרשטייט איר מיך. אַלעמאָל האָט דאָס געהאָלפן...

נאָר די צוויי קינדער, זעט איר, האָב איך שוין נישט געקאָנט דערציען ווי ס׳געהער צו זיין, ווייל מיט זיי האָט מען זיך געמוזט אַרומשלעפּן. מלחמה־צייט פלעגט מען לויפן אין די „עיר־רייד שעלטערס", און צווישן אַלע מענטשן, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, קאָן מען זיך נישט צעפירן די הענט און לערנען דרך־ארץ. אָט דערפאַר טאַקע האָרכן זיי נישט טאַטע־מאַמע, און מ׳האָט פון זיי צרות!

זעט איר, די חתונה־געהאַטע קינדער, דאָס איז גאָר אַ גאַנץ אַנדערער



קלאַס. זיי פלעגן זיך נישט רירן פון דאַנען ביז דאָרטן אָן די עלטערנס וויסן. אַפילו איצט נאָך געבן זיי אונז אָפּ דעם גרעסטן כבוד.

זיי האָבן נישט חתונה געהאַט מיט אַבי וועמען, נאָר אַלץ געטון מיט מיין הסכמה. דערפאַר זענען זיי אָרענטלעך און פיין און פירן אַ בעל־הבית׳טיש לעבן. קומען אָפּט צו אונז, און מיר צו זיי. וואָס איז שייך צו זאָגן? איך מיט מיין יידענע, זאָל געזונט זיין, האָבן טאַקע נחת פון די דאָזיקע קינדער. אויך אייניקלעך האָבן מיר, הערט איר, איינס גאָלדיקער פונם אַנדערן. זאָלן זיי נאָר געזונט און שטאַרק זיין און אונזערע יאָרן איבערלעבן!...

אַפילו נאָך איצט, יאָרנלאַנג שוין נאָך זייער חתונה, איז וואָס זיי זאָלן נישט טון אָדער עפּעס אונטערנעמען, וועלן זיי אונז דערציילן, און אויך הערן אונזערס אַן עצה. אַלע זענען, ברוך־השם, גוט אָפּ, נישט צו פאַרזינדיקן. דאָס הייסט, קיין קאַפּיטאַליסטן זענען זיי נישט; אַ פּאָר זענען ביזנעסלייט און אַ פּאָר —בעל־מלאכות. גוט, שלעכט, מ׳קומט אַדורך.

מילא, ווען איר קאָנט מיך נישט וואָלט איר געמיינט, אַז איך לויב זיי דאָס אַזוי, ווייל איך ברויך, חלילה, אָנצוקומען צו זיי. איר ווייסט דאָך אָבער, אַז איך ברויך נישט זייערס. אומגעקערט, כאָטש די קינדער ברויכן עס אויך נישט, קאָסטן זיי מיך אַפילו איצטער נאָך גענוג אָפּ. וואָרום מיין יידענע, זאָל לעבן, גייט קיינמאָל נישט צו אַ קינד מיט ליידיקע הענט... נישט וואָס איך גיי מיך דאָ פאַר אייך פאַרשטעלן. חלילה!

כ׳בין דען אַ קאַפּיטאַליסט? נאָר, אַ דאַנק גאָט, ס׳פעלט מיך פון גאָרניט. ווי איר זעט מיך, בין איך שוין אויף די עלטערע יאָרן, אַריבער די זעכציק, און כ׳גיי נאָך אָן מיט מיין שניידער־„וואָרקשאָפּ". דערצו האָב איך מיין אייגן הויז, אַ פּאָר אָפּגעשפּאָרטע הונדערט פונט; נישט צו פאַרזינדיקן.

נו, טאַקע, צוריקגעשמועסט, פאַר וועמען באַהאַלט מען? איבער הונדערט יאָר, גלויבט מיר, וועט מען גאָרנישט מיטנעמען...

בקיצור, דער עיקר וואָס איך האָב אייך געוואָלט דערציילן, איז דאָך פון מיינע צוויי נישט־פאַרהייראַטע קינדער: מיין זונדל, וואָס ווערט באַלד זעקס און צוואַנציק יאָר און מיין טאָכטערל פון דריי און צוואַנציק יאָר. זיי, זעט איר, זענען נאָך ביי מיר אין דער היים און מ׳דערלעבט גאָרנישט זיי חתונה צו מאַכן. עס איז זייער ביטער. הלואי פטרן מיר זיי שוין אַרויס פון שטוב! מיר וואָלטן ערשט אויפגעריכט געוואָרן...

מיינט נישט, אַז איך זאָג עס דערפאַר, ווייל זיי גייען, חלילה, אויף שלעכטע וועגן. אוודאי זענען זיי אויך אָרנטלעכע קינדער, נאָר נישט דאָס וואָס יענע, די פאַרהייראַטע. ס׳איז נאָר אַ גאַנץ אַנדער מין קינדער, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען קיין לייבלעכע שוועסטער און ברידער. מ׳לעבט אין דער היים, מ׳לאָזט זיך באַדינען פון דער אַלטער, קראַנקער מאַמען; און „דעטס אָל!"

למשל, די אַלטע מאַמע מוז אויפוועקן דאָס זונדל, כדי ער זאָל זיך נישט פאַרשפּעטיקן ביי זיין דזשאָב. זי מוז אים באַזאָרגן מיט „סענדוויטשעס", אויסוואַשן אַ העמד, אַלץ, אַלץ. דאָס זעלביקע אויך מיט מיין טאָכטערל, זאָל געזונט

זיין! וואָלטן זיי כאָטש צוגעלייגט אַ האַנט אין מיין „וואָרקשאָפּ", וואָלט נאָך געווען מיטצודערליידן. נאָר הערסט אַ מעשה? עס האָט זיי דאָך נשט געפאַסט צו אַרבעטן ביים טאַטן אין שניידער־„וואָרקשאָפּ!"

מיין זונדל, פאַרשטייט איר מיך, אַרבעט אין אַ מוזיק־ביזנעס. ער העלפט פאַרפּאַקן און אַוועקשיקן מוזיק־אינסטרומענטן. מיין טאָכטערל, ווידער, איז אַן „אָפיס־געררל"; אַלץ וואזשנע מלאכות.

מילא, פון דער טאָכטער נעמען מיר נישט. ווארום פון אירע „ווייִדזשעס" מוז זי זיך קליידן, האָבן אַביסל „ספּענדע־מאָני" און אַ מיידל, פאַרשטייט איר דאָך אַליין, מוז אויך אָפּשפּאָרן אַ פּאָר פונט...

מיין זונדל צאָלט דער מאַמען „ווייִדזשעס". ס'הייסט ער צאָלט איר אַמאָל אין צוויי־דריי וואָכן (אַזוי זאָגט מיין יידענע). ס'איבריקע פאַרברויכט ער אַליין. ניין, כ'האָב נישט קיין עול פרנסה פון זיי.

און איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז מיר וואָלטן נאָך געוואָלט דערלעבן אויך פון זיי אַביסל נחת... איי, ווען זיי נעמען זיך צו אַ תכלית און האָבן חתונה!

נו, מאַכן מיר אַמאָל אַ שמועס מיט אים מכוח אַ תכלית. מיר דערקלערן אים, אַז מיר ווערן נישט יונגער, מ'וועט נישט אייביק לעבן. אויך ער ווערט נישט יונגער, ווילאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן? „איך אַ שטייגער", זאָג איך צו אים, „האָב חתונה געהאַט צו צוואַנציק יאָר, און אין דיין עלטער האָב איך שוין געהאַט דריי קינדער! נו, האָב איך עפּעס אַ סך צוגעלייגט צו דעם געשעפט?"...

ענטפערט ער מיר: „איך האָב נאָך צייט גענוג. דערוויל פעלט מיר פון גאָרנישט. אַז איך וועל מיר מער נישט קענען העלפן און כ'וועל מער נישט האָבן קיין ברירה וועל איך דעמאָלט חתונה האָבן!"...

ער וועט מיר, הייסט עס, טון אַ טובה. כ'זאָג אייך ס'קאָן פּלאַצן די גאַל. האַלט איך מיך ממש איין מיט אַלע כוחות נישט אַראָפּצוציען דעם פּאַסעק.

ביי מיין טאָכטער, ווידער, האָט זיך אַמאָל שיער שיער נישט עפּעס געמאַכט... כ'האָב געמיינט טאַקע אַז שוין וועט עפּעס ווערן. ס'איז געווען נאָך מיט יאָרן צוריק. זי איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. מיט אַמאָל האָב איך אָנגעהויבן באַמערקן, אַז מיין טעכטערל קומט מיר עפּעס אַהיים שפּעטער ווי געווענלעך, שפּעטער ווי עלף אַזייגער ביינאַכט; אַמאָל האַלב צוועלף, צוועלף און אַפילו נאָך שפּעטער...

אָ, האָב איך מיר געטראַכט, דאָס איז שוין נישט גלאַט פּשוט... ביי מיר, פאַרשטייט איר מיך, גייט מען נישט אָן מיט אַזעלכע קונסטשטיקן. כ'זע איין וואָך, כ'האַלט מיך איין. נאָך אַ וואָך, אַ נעכטיקער טאָג. אַלץ דאָס זעלביקע. כ'הייב אָן אָנצושטיין צו מיין יידענע און דערקלער איר, אַז איך האַלט דאָס נישט פאַר קיין קלייניקייט. ווארום אַ מיידל פון אַכצן יאָר איז נישט אַ זאַך, אויף וועלכער מ'קוקט זיך נישט אום. ס'איז די געפערלעכסטע צייט...

אין די יאָרן זענען דאָך די מיידלעך פלאַם־פייער! זיי קאָנען אָפּטון, חלילה, כ'ווייס אַליין נישט וואָס. זענען פיל ערגער פון די באָיעס. קאָנען זיך



לאָזן לייכט פאַרפירן און אַריינפאַלן, חלילה, אין גרעסטן אומגליק!...

צו וועמעס קאָפּ וועט עס דערנאָך אויסגיין (זאָג איך צו מיין יידענע)? אוודאי צו אונזערע קעפּ און אויך, זאָג איך, „אַז דו וועסט זי נישט נעמען שוין היינט אויפן פאַרהער, וועל איך מיך נעמען צו איר! און אַז איך וועל מיך נעמען צו איר, וועט נישט גוט זיין! איך ווייס נישט פון קיין גליקן. ביי מיר איז נאָר איין זאַך — אָנצולערנען מיטן פּאַסעק, כאָטש זי איז שוי אַ דערוואַקסן מיידל. איך וועל זי שלאָגן האַלב טויט, זאָג איך דיר, ווייל ביז איצט האָט מיין פּאַסעק טאַקע גוט געהאָלפן... ווארום אויב זי האָט עפּעס רעכטס זאָל זי עס באַווייזן און ברענגען אין שטוב אַריין; און זיך נישט אַרומשלעפּן ביז נאָך האַלבער נאַכט!"

הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, מיין ווייבל האָט גענזען, אַז איך ווער שוין גוט אין כעס; און זי קען מיך. האָט איינגעזען, אַז איך מיין עס נישט אויף אַ געלעכטער. האָט זי זיך גענומען צו איר און טאַקע נישט אָפּגעלאָזט ביז זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי גייט מיט אַ יונגנמאַן. בלויז זי האָט מורא אַריינצוקומען מיט אים אין שטוב אַריין.

מיין ווייב האָט איר געגעבן אָנצוהערן וועגן מיר און צוגערעדט, אַז זי זאָל דעם באָי אַריינברענגען.

הכלל, גאָט האָט געהאָלפן און זי האָט איר מציאה אַריינגעברענגט אין שטוב, אונז פאָרגעשטעלט דעם פויגל־בחור.

אַ כלל, וואָס וועל איך אייך דאָ אַ סך ברייען, אַז אַ שטאַמלדיקע לאַלע איז ער נאָך צו אַלע צרות אויך נאָך געווען! איך פרעג אים קורץ און שאַרף: „מיט וואָס באַשעפטיקסט דו זיך?"

— איך ב־בי־בין נישט קיין בעל מלאכה, איך בין אין אַ פּאַ־פּאָרצ — פאָרצעלאַן־געשעפט, — האָט ער עס מעשה יחסן אַרויסגעשטאַמלט.

אַז איך האָב שוין מיט גרויס מי די פּאָר ווערטער אַרויסגעקראָגן פון אים רעד איך שוין מיט אַ טאָן העכער: עיקר שכחתי, אַלעס איז טאַקע ווויל און גוט, אָבער וואָס קלערסטו צו טון צו מאַכן אַ לעבן פאַר אַ ווייב?

— איך — איך, קע־קע־קלער חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל, וואָ־וואָס האָט אַביסל נדן, וועל איך מיר זען צו מאַכן אַ שטיקל ביזנעסל מיט אַ פּאַ־פּאַ־אָ־פּאָרצ — — —

מילא, איר קאָנט אייך פאָרשטעלן אין וואָס פאַר אַ רציחה איך בין אַריין... איך האָב דערפילט די פּאָר־מלחמהדיקע כוחות און טו אַ נעם אַרונטער דעם פּאַסעק, און אײדער וואָס־ווען האָט דער פויגל גענומען די פיס אונטערן אָרעם און געמאַכט אַ ויברח!... נאָך איידער ער איז פערטיק געוואָרן מיט זיין פאָרצעלאַן, איידער נאָך ער האָט עס גאַנץ אַרויסבאַקומען פון זיין שטאַמלדיקן מויל, האָט זיך אים דאָס פאָרצעלאַן־ביזנעס צעבראָכן — —

נו, זעט איר שוין וואָס עס מיינט דער כח פונם פּאַסעק?!

## מלך ראוויטש

# אַפילו לאָנדאָן . . .

מיר יידיש וועלט־פאָלק טאָרן אין דעם זיגזאַגישן גאַנג פון אונדזער וועלט־געשיכטע קיינמאָל נישט אויפגעבן קיין שטעט און קיין לענדער. אונדזער געשיכטע גיט אונדז אַ סך ראיות, אַז מיר טאָרן עס נישט טון און גיט אונדז נאָך מער אַרגומענטן, אַז מיר דאַרפן עס נישט טון. אָט למשל לאָנדאָן, די הויפּטשטאָט פון דער בריטישער אימפּעריע. ווי מאָדנע זענען די אויף־און אַראָפּגאַנגען פון דער דאָזיקער גרעסטער פון די וועלט־שטעט אין שייכות מיט יידן און יידישקייט. לאָנדאָן רעכנט זיך נאָך אַלץ נומעריש ווי די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט, גרעסער ווי ניו יאָרק.

נעמסטו אַראָפּ די דריי לענדער, וואָס אין זיי וווינען ביים היינטיקן טאָג אַן ערך דריי־פערטל פון אַלע יידן פון דער וועלט, און דאָס זענען די פאַראייניקטע שטאַטן, רוסלאַנד און מדינת ישראל — לויט דער רייע פון זייער נומערישער יידישער גרויס — בלייבט לאָנדאָן — אין דעם איבערגעבליבענעם פערטל — די גרעסטע יידישע שטאָט. אַן ערך פון 280 טויזנט יידישע נפשות.

לאָנדאָן האָט אַ גרויסן יידישן נעכטן, וואָס גייט צוריק עטלעכע הונדערט יאָר. נישט שייך דאָ אויסצורעכענען אַלע די יידישע געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה אויף איר גאַנג און זענען פאָרגעקומען אין לאָנדאָן. אָבער צוויי גרויסע יידישע געשעענישן זענען דאָך ממש פאָרגעקומען אין אונדזער צייט און לאָנדאָן איז געווען זייער פּרוזדור, זייער געבוירן־אָרט. דאָ האָבן זיי צוגעוואַרט, איידער זיי זענען אַריין אין גרויסן היכל פון דער יידישער געשיכטע. און אָט זענען זיי: דער מעכטיקער ישוב פון אַמעריקע, וואָס איז גיך געוואַקסן אין די מיליאָנען איז דורכגעגאַנגען אין דער ערשטער צייט דורך לאָנדאָן. און אויב עס איז אמת, אַז ליטעראַטור איז אַ געטרייער שפּיגל פון לעבן — און אַזוי איז עס טאַקע — דאַרפט איר זיך נאָר דערמאָנען אין שלום עליכמס „מאָטל פּייסי דעם חזנס" און די באַשרייבונג פון לאָנדאָן, וואָס איז דאָרט דאָ. דאָ האָט זיך אויך פאָרמירט דער יסוד פון די סאָציאַלע און אַרבעטער באַוועגונגען, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט, און שפּילן נאָך היינט, אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב. דאָ איז אויך געווען דאָס שפּרונג־ברעט פון דער יידישער ליטעראַטור, איידער זי איז אַריינגעשוווּמען אין דעם נייעם ים, וואָס רופט זיך אַמעריקע. מאָריס ראָזענפעלד און מאָריס ווינטשעווסקי האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן אין לאָנדאָן. און וועלכעס קינד ביי יידן ווייסט דען נישט, אַז מדינת ישראל איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן. אויב עס איז אַפילו — אין דיאַלעקטישן גאַנג פון דער געשיכטע — פאַקטיש פאָרמירט געוואָרן קעגן לאָנדאָן, איז דאָס זאָמען־קערנדל אָבער געפאַלן אין לאָנדאָן. אין יאָר 1903 האָט לאָנדאָן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דר. טעאָדאָר הערצל וועגן אוגאַנדע, אַ לאַנד פאַר יידן. און דאָס ערשטע מאָל — נאָך לאַנגע הונדערטער יאָרן, זענען יידן באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ גאַנץ פאָלק. בכלל ווי אַ פאָלק. און



אויב די באַלפור דעקלאַראַציע איז געווען דער זאָמען פון מדינת ישראל, אין 1917, איז אָט יענע אוגאַנדע־פּערטראַקטאַציע געווען דער זאָמען פון דער באַלפור דעקלאַראַציע. און דער אַדרעס איז געווען — לאָנדאָן.

אָבער די יידן פון לאָנדאָן גופא וווינען שוין זייער לאַנג אין לאָנדאָן און געניסן שוין זייער לאַנג פון אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן, וואָס נאָר ענגלאַנד און לאָנדאָן גיט אירע בירגער — און איז מיט דעם שוין זינט לאַנגע, לאַנגע יאָרן דער וועלטס פירערין. און כאָטש לאָנדאָן האָט אַרויסגעגעבן און גיט כסדר אַרויס גרויסע יידישע גייסטער — גיט עס אָבער נישט אַרויס קיין וויזיאָנערן. און אַזוי איז עס שוין געשען, אַז פּאַוואָליע, פּאַוואָליע האָט פאַרבלאַסט און אויסגעוועפּט געוואָרן דאָס יידישע שטייגער־לעבן אין לאָנדאָן, כמעט ווי פאַרשוווּנדן דאָס יידישע לשון פון די לאָנדאָנער יידישע גאַסן, אַפילו פון באַרימטן „ווייטשעפּל" איז עס כמעט פאַרשוווּנדן. כמעט — אָבער נישט אינגאַנצן. אַפילו נאָך די נאַצישע בליץ־באָמבאַרדירונגען איז נאָך אַלץ געבליבן אַביסל יידישער שטייגער אויפן „ווייטשעפּל". נאָך אַלץ קלאַפּט זיך דאָרט אַן אַלטער גאַסן־הענדלער אין האַרצן, אַז מען רעדט צו אים יידיש, אַז אויך ער איז אַ ייד, כאָטש ער איז דאָ געבוירן געוואָרן און ער וויל דיך נאָך אַלץ איבערצייגן, אַז ער קען נאָך אַלץ רעדן יידיש. יאָ יידיש איז נאָך אַלץ דער סימן מובהק פון אומפאַרלעשטן יידישקייט . . . און דאָס רעדט נישט אַרויס פון מיר קיין יידישיסט, נייערט אַ לשוניסט — און דאָס הייסט איינער, וואָס גלויבט, אַז אייגן לשון איז עס דער ערשטער און וויכטיקסטער סימן מובהק פון פאָלקס־צוגעהעריקייט.

לאָנדאָן, דאָס אַלטע, דאָס פולע מיט טראַדיציע, איז אויך פול מיט קוריאָזן. איינער פון די וויכטיקסטע יוועלירן אין לאָנדאָן — משה עובד — וואָס ליפערט תכשיטים און אַנטיקן אין לאָנדאָנער קיניגלעכן הויף, איז אַ דיכטער אין יידיש. און כאָטש די יידישע טאָגצייטונג איז אין לאָנדאָן אונטערגעגאַנגען, לעבט דאָרט אָבער יאָ אַן איינגעשפּאַרט יידיש חודש־בלאַט, אונטער דער רעדאַקציע פון אַ דיכטער אַ קנאי א. נ. שטענצל און עס אָטעמט שוין רעגולער גאַנצע פערצן יאָר. איינע פון די רעגולערסטע יידישע צייטשריפטן. און אָט איז געקומען דער סאַמע וויכטיקסטער קוריאָז: זינט עטלעכע חדשים האָט זיך אין לאָנדאָן באַזעצט דער, וואָס האָט גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון דער יידישער ליטעראַטור איבער גאָר דער וועלט זינט די לעצטע פופציק יאָר — שלום אַש. מיר ווילן דאָ נישט אַריינגיין אין דעם לאַבירינט פון דער מחלוקה אַרום שלום אַשן און זיינע ווערק מיט אַ קריסטלעכער טעמע. אונדז איז גענוג, אַז צווישן די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט און פאַרטיידיקן די רעכט פון שלום אַשן זענען דאָ, אָדער זענען געווען: חיים גרינבערג ז"ל, שמואל ניגער, יואל ענטין, אברהם סוצקעווער.

קענענדיק שלום אַשן און זיין אומרו, וויסנדיק, אַז ער האָט זיך שוין אין פאַרלויף פון זיין לעבן „אויף אייביק באַזעצט" אין אַ צענדליק שטעט, קענען מיר זיך אוודאי נישט פאַרלאָזן אויף זיין „אויף אייביק זיך באַזעצן" אין לאָנ־

דאָן. ער איז היינט — האַרבסט 1953 — כמעט 74 יאָר אַלט און ביז די פולע 120, וואָס עס ווינטשן אים אַפילו זיינע „שונאים“, איז נאָך אַלץ 46 יאָר. שווער צו גלויבן, אַז ער וועט אויסהאַלטן. און דאָך איז עפּעס אַ מיסטישע זאַך אין אָט דעם באַזעצן זיך להשתקע אין יענעם ווינקל פון גאָטס ערד, ווו דער מעכטיקער צווייטער שטאַם פון דעם צוויי־שטאַמיקן בוים פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן מיט נאָענט צו זיבעציק יאָר צוריק... יאָ, אַפילו אין לאָנדאָן קענען געשען זאַכן, וואָס באַלאַנגען צו דער מיסטישער קאַטעגאָריע פון נצח ישראל און זענען מיט דעם ניכטערנעם שכל ניט צו באַנעמען. יאָ, אַפילו אין לאָנדאָן, אַבי עס טליעט דער פונק . . .

---

רחל דון-יחיא

## חזיונות ואבני-חן

„וויזיאָנען און עדלשטיינער“

פון משה עובד

העברייאיש פון אביגדור המאירי. געדרוקט אין ישראל.

די נייע אויסגאַבע פון „וויזיאָנען און עדלשטיינער“ אין העברייאיש ווילט זיך מיר מקבל זיין מיט אַ האַרציקער ברכה צום מחבר משה עובד, צו זיין אַריינטרעטן אין דעם היכל פון דער העברייאישער ליטעראַטור!

מיין כונה איז נישט צו שרייבן קיין רעצענזיע. „וויזיאָנען און עדלשטיינער“ האָט שוין געהאַט זייער גוטע אָפּשאַצונגען ווען דער בוך איז אַרויס אין יידיש און אין ענגליש. און אַזוי ווי איך האַלט זיך נישט פאַר קיין מומחה אין ליטעראַרישע קריטיק, בין איך ניט אומשטאַנד פיל מוסיף צו זיין צו די פריערדיקע קריטיקער. איך וויל דאָ נאָר אויסדריקן מיין שמחה און די הנאה וואָס כ׳האָב געהאַט לייענענדיק משה עובד׳ס אויטאָביאָגראַפישע סקיצן אין העברייאיש. די איבערזעצונג איז אַן אמת קינסטלערישע: ס׳איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין העברייאיש די שפּילעוודיקע חכמה, דער לייכט־האַרציקער הומאָר, דער טיף־זיניקער אַריינדרינגען אין די פאַרשידענע סיטואַציעס פון פאַרשידענע מענטשן. אשריך, משה עובד פאַר אייער זוניקער יצירה! און אשריך אביגדור המאירי פאַר די פראַכטפולע איבערזעצונג און דעם חן וואָס איר האָט אַריינגעבראַכט אין די „אבני־חן“.

---


### ביכער פון פערלאג „לשון און לעבן“

„ווייטשעפּל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-

„„שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-

„ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.




ש. י. האַרענדאָרף

## וועלט־יידנטום

(באַטראַכטונגען וועגן דער גענפער קאָנפערענץ פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“)

אין יאָר 1936, ווען ס׳איז אין גענף פאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „יידישן וועלט קאָנגרעס“, איז די אַלגעמיינע וועלט און דאָס יידישע פאָלק בפרט, שוין געווען באַדראָאָט פונם אויפשטייגנדיקן נאַציזם, וועלכער האָט פאַרטיליקט אַ דריטל פון אונזער אומה. דעמאָלט, מיט זיבעצן יאָר צוריק, האָבן די איניציאַטאָרן פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ געהאַט אַן אידעע,־צו קאָנסאָלידירן אַלע צעשפּליטערטע כוחות פון יידישן פאָלק, צונויפזאַמלען די צעוואָרפענע יידישע ישובים פון אַלע וועלט טיילן אין אַן אָרגאַניזאַציע, כדי אין די ראַמען פון אַ קאָלעקטיוון כח צו פירן דעם נויטיקן אָפּוועהר־קאַמף קיגן דעם אַנטיסעמיטישן שונא.

אין משך פון די לעצטע 17 יאָר, זינט ס׳איז פאָרגעקומען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“, זיינען פאָרגעקומען דערשיטערנדיקע ענדערונגען אינעם יידישן לעבן. דער ציוניזם האָט פאַרווירקלעכט דעם פּאָליטישן און דעם גייסטיקן פּרינציפּ פון זיין פּראָגראַם — די שאַפונג פון מדינת ישראל אויפן באָדן פון אונזער היסטאָרישן לאַנד. אָבער דער גלות, ווו עס לעבן עד־היום לערך 11 מיליאָן יידן, צעזייט און צעשפּרייט איבער צענדליקער לענדער אין אַלע וועלט־טיילן, איז פאַרבליבן! אויב מיר ווילן יאָ, אָדער נישט — די יידישע מדינה נויטיקט זיך, פּאָליטיש און מאָראַליש, אין דעם דאָזיקן גלות, ווי מיר נייטיקן זיך אין דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל. און כל־זמן עס וועט עקזיסטירן דער „יידישער גלות“, וועלן די יידן אין די גלות־לענדער זיך נויטיקן אין דער פּאָליטישער השפּעה פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“, וואָס איז, אָן שום גוזמא, געוואָרן די פאַקטישע רעפּרעזענטאַנץ פון די יידן אין די גלות־לענדער. דער „יידישער וועלט־קאָנגרעס“ איז געוואָרן דער צעמענט, וואָס פאַראייניקט די צעשטויבטע יידישע ישובים אין 65 מדינות און שטעט, אָנהויבנדיק פון דעם ווייטן אויסטראַליע, ביז פּאַנאַמאָ; פון פראַנצויזיש מאָראָקאָ, ביז האָלענדיש גוואַניאַ, וכדומה.

אין דעם באַשטייט דער מאָראַלישער כח פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“, וואָס איז אין אַזאַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט, געוואָרן די פּאָליטישע רעפּרעזענטאַנץ פון די יידן אין די גלות־לענדער!

אַפילו די געשווירנסטע אָפּטימיסטן, אָנהויבנדיק פון דר. סטיפען וויז און לעאָ מאָצקין, ז״ל, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל — צו פאַראייניקן דאָס וועלט־יידנטום אין די ראַמען פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“, האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז זייער ווונטש וועט פאַרווירקלעכט ווערן אין אַזאַ קורצער צייט; אַז דער כבוד און פּרעסטיזש פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ וועט וואַקסן און אַריינדרינגען אין יידישן לעבן אין צענדליקער לענדער און ווערן זייער און אונזער אַלעמענס אַדרעס!

דער מאָראַלישער כח פון אַן אָרגאַניזאַציע, אַ פּאָליטישע אָדער אַ קולטור־

רעלע, באַשטייט נישט אין דער גרויסער, אָדער קליינער צאָל מיטגלידער, נאָר אין איר פּראָגראַם. קיין שום יידישע אָרגאַניזאַציע אויף דער וועלט, מיטן אויסנאָם פון דער ציוניסטישער, איז נישט אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון יידישן פאָלק, ווי דאָס איז איצט דער פאַל מיטן „יידישן וועלט־קאָנגרעס“.

עס זיינען פאַראַן, הגם קליין אין זייער צאָל, עטלעכע קהילות און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען נאָך נישט אָנגעשלאָסן אין „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ צוליב אייפערזוכט, און צוליב אַנדערע קליינלעכע סיבות. אויך די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט בשעתו (און אויך איצט!) געמוזט קעמפן מיט געוויסע יידיש־אַסימילאַטאָריש אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן, וועלכע זיינען פאַרביסענע קעגנער פון ציוניזם און אַפילו קייגן מדינת ישראל. פונדעסטוועגן האָט דאָס נישט געשטערט, אַז דער כח פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ זאָל ווערן געשטאַרקט פון יאָר צו יאָר.

פון דער ביז־גאָר אינטערעסאַנטער אַרבעט פון דר. י. שוואַרצבאַרט, דירעקטאָר פון אָרגאַניזאַציאָנעלן דעפּאַרטמענט ביים „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ אין ניו יאָרק, דערוויסן מיר זיך, אַז אין יאָר 1948, בעת דער צווייטער קאָנפערענץ פון „יידישן וועלט־קאָנגרעס“, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנטרע, זיינען געווען אָנגעשלאָסן 32 לענדער. נישט געקוקט דערויף, וואָס פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיי, אונגאַרן, רומעניע און בולגאַריע, וועמענס לענדער געפינען זיך אונטער דער פּאָליטישער ספערע פון אונטער דעם „אייזערנעם פאַרהאַנג“, האָבן פאַרלאָזן דעם „יידישן וועלט־קאָנגרעס“, זיינען די צאָל לענדער און אַפיליאירטע אָרגאַניזאַציעס געשטיגן אויף 65! דאָס איז אַ בכבודיקע צאָל, וואָס זאָגט אַ סך און זי פאַרפליכטעט אויך דעם „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ צו אַקטיווע מעשים, אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן.

* * *

דער גענפער קאָנפערענץ פון חודש אויגוסט, 1953, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מיניאַטור פון די אַמאָליקע, אַזוי רומרייכע ציוניסטישע קאָנגרעסן, ווו ס׳פלעגן באַהאַנדלט און דיסקוטירט ווערן פאַרשיידענע יידישע פראַגן און פּראָבלעמען. הגם דער רייכהאַלטיקער סדר־היום פון דער קאָנפערענץ האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַלערליי אַספּעקטן פון יידישן לעבן אין די גלות־לענדער, האָט אָבער די פראַגע וועגן דער קולטורעלער טעטיקייט פאַרנומען איינעם פון די וויכטיקסטע פונקטן אויף דער קאָנפערענץ.

צו דער גענעראַל־דעבאַטע וועגן פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן די יידישע קולטורעלע טעטיקייט אין צענדליקער לענדער, הויפּטזעכלעך אין די קליינע ישובים אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, זיינען געווען פאַרשריבן לערך 100 רעדנער! זיי זיינען געקומען צו פאָרן אויף שיפן און געפלויגן טויזנטער מייל אויף די עראָפּלאַנען, כדי איבערצוגעבן די גרוסן פון זייערע קליינע ישובים און אויסצודריקן זייערע פאַרלאַנגען.

עס איז געווען אַ פּאַטעטישער אויסגעשריי נאָך אַ „יידישן המשך“ אין זייערע לענדער; אַ געשריי נאָך הילף, וואָס זיי פאַרלאַנגען פון „יידישן וועלט־



קאָנגרעס“, אַז מען זאָל זייערע קינדער ראַטעווען פון גייסטיקן אונטערגאַנג; אַז ס׳זאָלן געשאַפן ווערן יידישע שולן, ביבליאָטעקן, חדרים און ישובות, כדי עס זאָל זיך ווייטער שפינען דער יידיש נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער המשך פון אונזער פאָלק.

ס׳איז אַ פראַגע, אויב דער „יידישער וועלט־קאָנגרעס איז אין דער לאַגע צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבן. אָבער דער פאַקט גופא, אַז יידישע דעלעגאַטן און שליחים פון באָמביי און בראַזיליע, פון גריכנלאַנד און פון פאַרשיידענע אַנדערע לענדער אַפּעלירן דווקא צום „יידישן קאָנגרעס“, אַז ער זאָל זיי העלפן, מאָראַליש און גייסטיק, כדי אין זייערע ישובים אויפצוהאַלטן די, פון עם־הארצות באדראטע עקזיסטענצן, איז געווען דער בעסטער באַווייז פאַר דעם מאָראַלישן וועקסל, וואָס די יידן אויף דער גאָרער וועלט האָבן אויסגעשטעלט דעם „יידישן וועלט־קאָנגרעס“!

די יידישע דעלעגאַטן פון די ווייטסטע יידישע ישובים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אויף דער גענפער קאָנפערענץ ווייסן גאַנץ גוט, אַז דער „יידישער וועלט־קאָנגרעס“, הגם זי איז אַן אוניווערסאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע, קאָן זי ביים בעסטן ווילן, זיך נישט פאַרנעמען אויך מיט די רעליגיעזע הצטרכותן. פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט אויסגעשריען זייער ווײ־געשריי צו אַ געוויסער יידיש־רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע, נאָר דווקא צום „יידישן וועלט־קאָנגרעס“.

און אויב מיר ריידן שוין וועגן יידישער קולטור־אַרבעט אין די ווייטע, פאַרוואָרפענע יידישע ישובים, ווילט זיך, דעליקאַט, שטעלן אַ פראַגע:

— צי איז אַ יידיש בוך, אַ יידישע צייטונג, אָדער דראַמאַטישע סעקציע אין דער לאַגע אויפצוהאַלטן דעם יידישן קיום און פאָרצוזעצן דעם יידישן המשך, אויב ס׳פעלט דער דאָזיקער יידישער קולטור, אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער אינהאַלט און פונדאַמענט, זאָגן מיר — אַ יידישע שול, אַ חדר, אָדער אַ תלמוד־תורה, וואָס איז סוף־כל־סוף געווען די באַזיס פון אונזער נאַציאָנאַל־יידישער דערציאונג.

* * *

דער קולטור־דעפּאַרטמענט ביים „יידישן וועלט־קאָנגרעס“ האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע, מ׳קאָן זאָגן, קולטור־היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס די געשיכטע האָט אים אָנפאַרטרויט צו פאַרווירקלעכן אין דער נאָענטסטער צוקונפט.

דער דאָזיקער קולטור־דעפּאַרטמענט (אין וועלכן מיר, יידיש־ריידנדיקע מענטשן, זיינען אַממייסטן פאַראינטערעסירט), נויטיקט זיך אין דער ענגסטער קאָאָפּעראַציע פון אַלע צדדים, אַן אונטערשייד פון זייער פּאַרטייאישער איינשטעלונג, ווייל עס האַנדלט זיך אין איינעם פון די ברענענדיקסטע עיקרים פון יידישן לעבן — אינם קיום פון אונזער אומה, אינם המשך פון אונזער יידישן לעבן, אומעטום, ווו ס׳האָט אָנגעשפּאַרט די גרויסע צעשפּרייטקייט פון אונזער פאָלק.

דער קולטור־דעפּאַרטמענט דאַרף זיך נישט באַשריינקן בלויז אין אויפ־

שטעלן יידישע קולטור־פּאָסטנס אין דעם ווייטן סאַלוואַדאָר, פּאָרטאָ־ריקאָ, טאַנזשיר און אין אַנדערע קלענערע יידישע ישובים, ווו ס׳צאַנקט דאָס לעצטע פלעמל פון יידישן לעבן. אויך דאָ, אין אונזער יידישן לאָנדאָן, ווו די אַסימילאַציע האָט אָנגענומען די סאַמע שרייענדיקסטע פאָרמען, דאַרף אָנגעפירט ווערן דער קאַמף פאַר אונזער המשכדיקייט.

בכן: זאָל די יידישע קולטור־אָפענסיווע זיך קודם כל אָנהויבן דאָ אין לאָנדאָן. אדרבה: לאָמיר זיין די לעבעדיקע עדות ווי אַזוי ס׳ווערן פאַרווירקלעכט, ווען נישט אַלע, איז כאָטש אַ טייל פון די קולטור־רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויף דער גענפער קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

## 13 יאָר „העפּטלעך״ – „לשון און לעבן״

אויב פאַרן אַבערגלויבן, פאַרן שפּיל פאַרן טייוויל, פאַר לוציפערן איז דער ציפער 13 אַ סימן־רע, פאַרן יידישן מענטש אָבער, פאַר יידישקייט איז עס די שלושה עשרה מידות שהתורה נדרשת בהם, די י״ג מידות של רחמים.

היי־יאָר, ערב ראש השנה ווערן עס פולע 13 יאָר ווי די „העפּטלעך״־„לשון און לעבן״ האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען. ערב ראש־השנה 1940 איז דערשינען דאָס ערשטע העפטל.

צו 13 יאָר ווערט מען אַ בר מצווה און גלייכצייטיק אָבער אויך אַ בר־עונשן, מען טראָגט די גאַנצע אחריות פאַרוואָס מען טוט. ביז צו 13 יאָר ווערן נאָר די מצוות און מעשים טובים בלויז גערעכנט, מיט 13 יאָר, „פול־ווערנדיק״ טראָגט מען שוין די אחריות פאַר די עבירות — און עבירות איז דאָ מער ווי מצוות !... און „עבירה גוררת עבירה״.

מיר זיינען זיך באַוווסט אין אַלצדינג וואָס מיר האָבן געטון די גאַנצע 13 יאָר און מיר זיינען גרייט איבערצוגיין פון „מעשה נערות״, צו די בגרות יאָרן און דעם עול נאָך שווערער צולאָדענען, וואָרים מער ווי פאַלן פון די פיס קאָן מען דאָך שוין נישט. — —

און אויב שטיין אין וואַסער ביז צום האַלדז גענוגט נאָך ניט, כדי די מיל זאָל מאָלן, נאָר מען מוז נאָך דעם מילשטיין אויפן האַלדז אָנטון — איז מילא...

נישט קיין הפטורה ווילט זיך שוין אויסזינגען פאַר עולם און — ברוך שפטרנו ! דאָס גאַנצע ביסל יידישקייט פון דער פלייצע אַריינגעוואָרפן אין תפילין־זעקל אַריין און עס פאַרוואָרפן ערגעץ אויף דער פאָליצע. ניט קיין אָפּגעדראָשענע בר־מצווה דרשה ווילט זיך אָפּדרשענען, אַז עס זאָל זיין שיין געדרשנט און פאַרטיק — —

אַז די 13 יאָר „לשון און לעבן״ זיינען נאָר נאָך אַ באַווייז, אַז יידיש איז נאָך נישט נפטר געוואָרן חלילה, ווי די לשון־הרעניקעס האַלטן אין איין שרייען ; אַז יידיש לעבן פאַרנעמט זיך ערשט צו לעבן — דאָס גענוגט אונדז !

און ווי אַ פאַרמאַטערטער, אַן אָנגעלאָדענער, אַן איבערגעלאָדענער מיט שווערן עול, וואָס וויל דערשלעפּן און נישט צוזאַמענברעכן און פאַלן אונטערן יאָך, וואָס פאַרגינט זיך נישט צוריקצוקוקן אויף צוריק, — אָדער גאָר מורא



פאַר די גרויל־מיראַזשן אונטער זיך — ! און נאָר מיט איין ציל, ווייטער צו דערציען און פאָראויס צו גיין, ווילט זיך ליבער נישט ריידן פון דעם וואָס געווען, פון דעם געשעענעם, וואָס ס׳איז שוין געשען — —

שווערע פולע 13 יאָר, יעדער שריט באַרג אַרויף, יעדער פוס־טריט פון אַ בלאָטע אַרויס און אַריין אין ליים. שווערע פולע 13 יאָר — דער רוקן איז שוין שווער פון שלעפּן, דער נאַקן שטייף שוין פון ציען. איז ווי אַזוי פּשוט דעם קאָפּ אויפהויבן צוריקקוקן הינטער זיך —

דאָס געהאַוועקע צו הערן הינטער זיך ברויך מען זיך ניט ערשט אומצוקוקן, און די פייפנדיק, פאָכנדיקע בייטש אוודאי און אוודאי נישט — זי שניידט זיך אין רוקן אַריין, אין בלוטיקן פלייש. און ערשט די זלידנע טויט־פליגן וואָס בייסן זיך אין די וווּנדן איין . . .

פולע שווערע 13 יאָר, אַ נאָר די יינגלישקייט, די מעשה נערות האָבן געהאָלפן זיי אַדורכצוגיין, זיי איבערצוטראָגן ; און עפּעס מוז דאָך וואַרטן ערגעץ ווייט אַ ליכטיקע פרייד אַז גרייט מען שטייט אין שפּאַן, אַן איינגעשפּאַנטער ווייטער צו שפּאַנען.

אַ שרעק זיך אומצוקוקן, און שווינדלדיק דער באַרג אַרויף ! אָבער קיין אַנדערער אויסוועג איז דאָך נישטאָ ווי ווייטער צו ציען דעם וועג, ווייטער אים צו טרעטן און אויסצוטרעטן, און אַז די פרייד ווערט ווייניקער און דער כוח ווינציקער, אָבער די אחריות דערפאַר מוז ווערן אַלץ גרעסער און שטאַרקער.

אָבער אויך די בגרות־יאָרן האָבן זייער אייגנטימלעכע פרייד ! מען פילט אַז כדי אַן אחריות צוטראָגן, מוז מען נישט דווקא זיין אַליין ; „כי טובים שנים מן האחד״, אין צווייען טראָגט זיך לייכטער און דער טראָט איז זיכערער, קאָנטראָלירטער — נאָך 13 יאָר אַרבעט שטייען דאָך שוין אַרום מענטשן און חברים אַרום איינעם, אַז אויב מען פאַלט אַוועק שטעלן זיך אַנדערע ביי דער עבודה.

## אין אַ יידישער אינסטיטוציע

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט באַשלאָסן אַז יידיש און יידישע קולטור שטייט נאָך אויפן „טאָגעס אָרדענונג״ און עס איז נאָך אַן ענין מיט וואָס עס לוינט זיך מתעסק צו זיין — באַגריסן מיר עס ! אָבער עפּעס ווערט דאָך קשה אויפן הארצן : אַז דר. באַרו לאָדט איין אַ צען יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן צו דערציילן פון דעם באַשלוס, מוז עס געזאָגט ווערן דווקא אין ענגליש ?

והשינית : די געשניצטע בליישטיפטן, וועלכע ליגן גרויסצוגיק צוגעגרייט פאַר די געסט צו מאַכן די נאָטיצן פון דר. באַרוס באַשלוס־מיטטיילונג, מוזן זיי דווקא זיין בליישטיפטן געבראַנגטע פון דייטשלאַנד ; בלויע בליישטיפטן מיט ווייס זילבערנעם איינשטריפט : „מייד אין באַוואַריאַ״ ?

איז דאָס גלות־פּאָליטיק, חוץ־לאַרץ־נאַציאָנאַליזם, אָדער חוצפּהדיקער אַרויספאָדערונג, אָדער שוין לעצטע גרינגשעצונג ?...

זיינען דאָס שוין אויסצאָלונגען פון „דייטשן אָפּמאַך־געלט" פאַר די חוץ־לארץ אינסטיטוציעס, אָדער סתם אימפּאָרטירטע דייטשע סחורות און זיי ליגן דאָ זיך דאָ אַזוי עזיתדיק פראָסט אין אַן אינסטיטוציע פאַר רעקלאַמע וועגן? פאַר וועקן וואַרימע פריינטשאַפט און מחילה צוועקן?...

מילא אין ישראל, אַז מען ברענגט דייטשע סחורות, אפשר איז דאָרטן חל דער התר פון פקוח־נפש... איך, אַ פּראָסטער נפש, קען מען שוין נישט אויס אויף די זאַכן!... אָבער דאָ, אַז מיר זאָלן העלפן ווערן אַגענטן פאַר דייטשע פריינטשאַפט, פאַר דייטשע סחורות? מען וועט דאָך שוין באַלד מורא האָבן צו באַטרעטן די שוועל פון אַ יידישער אינסטיטוציע....

## לאנדאנער ידיעות

„פריינט פון יידיש לשון" האָט געפייערט מיט אַ באַנקעט אין אַדלער האָל דעם 100־סטן געבוירן טאָג פון יעקב גאָרדין.

* * *

אין לאָנדאָן האָט געווײלט דר. יצחק שוואַרצבארד אויף זיין צוריק־רייזע פון זשענעווע קיין ניו יאָרק.

* * *

לעאָ קעניג וואָס באַזעצט זיך אין ישראל אויפן הר הכרמל, געפינט זיך אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן.

* * *

דער ייוו"אָ אָרדנט איין אַן אויס־שטעלונג פון אַלטע כתב־ידן, דאָקו־מענטן און אַלטע דרוקן אין בן־אורי גאַלערי.

* * *

אין הויז פונם „יידישן וועלט קאָנ־גרעס" אין קאַווענדיש סטריט, האָט דר. באַרו געגעבן אַ באַריכט פאַר דער פּרעסע איבער דער קאָנפערענץ אין זשענעווע.

* * *

דער אַקטיאָר אַלבערט פוקס פאַר־לאָזט לאָנדאָן זיך צו באַזעצן אין דרום־אַמעריקע.

משה עובד פאָרט בקרוב אָפּ אויף אַ באַזוך אויף אייניקע וואָכן קיין ישראל.

* * *

יהודה לייב ליכטנשטיין, דער ברו־דער פונם בונדישן פירער אין אַמאָ־ליקן פוילן, ישראל ליכטנשטיין, אַן אָנגעזעענער משכיל און פּעדאַגאָג איז פאַרגאַנגענעם חודש געשטאָרבן.

* * *

נאָך אַ שווערע אָפּעראַציע און וואָכן לאַנג אין שפּיטאָל האָט יוסף הלל לעווי פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל און איז אויפן וועג גאַנץ געזונט צו ווערן.

* * *

דעם 80־טער געבוירן־טאָג פון רו־דאָלף ראָקער איז געפייערט געוואָרן מיט אַ באַנקעט אין שטערן רעסטאָ־ראַנט. יוסף לעפטוויטש האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

* * *

הרב יהושע שפּעטמאַן האָט אַרויס־געלאָזן אַ קנטרוס לכבוד ימים־תשי"ד: „דאָס יידישע פאַמיליען לעבן, די יידישע פרוי, יידישע מו־טער". דאָס העפט איז געווידמעט זיין איצט פאַרשטאָרבענע פרוי ע"ה.

## די ווייטערדיקע יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

**שבת**, דעם 5־טן סעפּטעמבער, דאָס טראַדיציאָנעלע ימים נוראים פּראָגראַם פון אונזערע קלאַסיקער: „אויב נישט נאָך העכער;, „כפּרות".

**שבת**, דעם 26־טן — אַ סכות פּראָגראַם: פּרץ, שלום־עליכם א.א.



## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צו אַלע אונזערע געשוועסטער און פאַמיליע, צו אונדזערע גוטע פריינט און באַקאַנטע ווו זיי זאָלן נישט זיין ווינטשן מיר אַ געזונט, מיט אַלעם גוטן געבענטשט יאָר און ווי דער יידישע נוסח איז זאָגן מיר:

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה.

פאַמיליע בנציון מרגליות.

---

מר. זוסמאן און פרוי, ווינטשן זייערע קינדער, קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מר. און מרס. גאָלדשטיין
14 Walden Street, E.1
ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע זייערע קרובים און פריינט.

---

אברהם הארן בלום און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און אַלע יידן אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מר. פין ווינטשט כל ישראל און אַלע זיינע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר.

---

מר. און מרס. גדליה און מלכה ליכטנשטיין ווינטשן זייערע גאַנצער משפחה און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מ. דיען ווינטשט איר פאַמיליע, משפחה, קרובים און פריינט אַ שנת חיים ושלום און אַ גוט יאָר.

---

שלמה ראָזענפאַרב ווינשט קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מ. מינדעל ווינשט זיינע קינדער, קרובים און פריינט אַ גוט יאָר.

---

לייזער שענקער ווינטשט אַלע זיינע פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

אַ כתיבה וחתימה טובה צו אַלע פריינט און באַקאַנטע.

שלום רוזנבלום.

---

בר כוכבא נאַראָד און פרוי און טעכ־טער רות, נאמי און אביבה ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייערע קרובים און פריינט, דאָ אין ענגלאַנג, אין ישראל און אומעטום.

---

כרמל נאַראָד און פרוי ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייערע קרובים אין ענגלאַנד, אַמעריקע און ישראל.

---

זרובבל נאַראָד ווינשט זיין משפחה און פריינט אַ גוט און גליקלעך יאָר.

---

עמאַנועל געלער, פרוי און טאָכטער ווינטשן זייערע קרובים אונפריינט אַ גוט און געזונט יאָר.

---

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייער משפחה און פריינט אין ענגלאַנד, ישראל און אַמעריקע.

---

י. ביעטש ווינשט זיינע ברידער, שוועסטער, משפחה, קרובים און אַלע „פריינט פון יידיש לשון" אַ גוט און געזונט יאָר.

---

מר. און מרס. יוסף גאַרפינקל, 17 היי וועי, א.1., ווינטשן זייערע קרובים און כל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

מר. און מרס. בעלמאַן ווינטשן זייע־רע קינדער, משפחה און פריינט אַ כתיבה חותימה טובה.

---

מיין בעסטן ווונטש צו מיין פריינט דזשאָ סערעס, פאַר אַ באַלדיקע רפואה שלימה און אַ גוט און געזונט יאָר פאר די גאַנצע פאַמיליע.

יהודה ביעטש.

פריינט יאָקאָב סוקעניק, וועלכער געפינט זיך אין יידיש שפּיטאָל, ווינטש איך אַ רפואה שלימה און געזונט יאָר.

מאַרקס קאָהען.

## לאנדאנער ידיעות (המשך)

דער לאָנדאָנער אַקטיאָר לעאָן קאַסווינער שפּילט אין ישראל אין קאַמערי טעאַטער.

* * *

זלמן רובאַשאָוו אויף זיין צוריק־רייזע פונם „יידישן וועלט קאָנגרעס“ קאָנפערענץ אין זשענעווע קיין ישראל האָט געוויילט אין לאָנדאָן ווו ער האָט פאַר אַן ענגן קרייז געהאַלטן אַ רעפעראַט.

* * *

הרב מיכאל פישער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשטן טייל „עטרת מרדכי“ אויף פרקי אבות וואָס מאַכט אַן איינדרוק אין דער השכלהשע וועלט.

* * *

דר. רבי קאָפּל כהנא באַזעצט זיך אין לאָנדאָן. „פריינט פון יידיש לשון“ גרייטן צו אַ קבלת פנים פאַר דעם גרויסן תלמיד־חכם און געלערנטן פאַר קומענדיקן חודש.

* * *

שלום אַש פליט אָפּ קיין אַמעריקע אויף אייניקע וואָכן.

ס׳ווערט געפּלאַנט אַ באַזוך פון ישראל קיין מערב־אייראָפּע און ענגלאַנד פון א. מ. פוקס אין שייכות מיט אַ וויכטיקער קולטור אונטערנעמונג.

* * *

הענרי גערא מיט זיין פּאַרטנערין ראָזיטאַ לאָנדנער קומט אין גרענד פּאַלעי צום נייעם סעזאָן.

* * *

שלום אַש האָט אָנגעשריבן אַ נייעם ראָמאַן פונם אַמעריקאַנישן יידישן לעבן „אַ וועג אין דער נאַכט“, וועלכער דערשיינט איצט אין ענגליש. זיין „תהילים ייד“ און „משה“ זיינען איצט דערשינען אין אַ העברעאישער איבערזעצונג אין ישראל. נאָך פאַר ראש השנה דערשיינט זיין „נוצרי“ אין ישראל אין העברעאיש.

* * *

דער מאָלער מאַרק וויינער האָט אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער אין דער אַפּאָלינאַר גאַלעריע. מ. וויינער האָט לעצטנס אויך געהאַט אַן אויסשטעלונג אין שעפילד.

## רעדאקציע נאטיץ

די הומאָרעסקע פון א. מ. קייזער, די דערציילונג פון מרים ראָזיין, דאָס ליד פון ש. סימכאָוויטש א.א.ז. וועלן געדרוקט ווערן קומענדיק חודש. אויף זייטל 16, שורה 3 (פון הינטן אַרויף) מוז זיין שטאָט אָטעמט — אָטעמס ; אויף זייטל 17 שורה 6 (פון הינטן אַרויף) מוז זיין שטאָט ביי — בייז.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*


161

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10 (העפט 165) פערצנטער יאָרגאַנג אָקטאָבער 1953 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| ווייטשעפל, נישט אַזוי שאַרף ווי קורץ | ** | 1 |
| אָן אַ זכר און אַן אַ קדיש | ש. מאַלדאַוער | 6 |
| פּאָמפּיי | ש. טענענבוים | 8 |
| די ים־לידער, בראשית, צו אונזערע געסלעך | א. נ. שטענצל | 9 |
| „כאַפּטאָמאַניע“ | א. מ. קייזער | 61 |
| דער צפת׳ער מקובל | יוסף פּערלשטיין | 19 |
| שלום אַש | ש. סימכאָוויטש | 20 |
| טעאַטער נאָטיצן | כפריני | 21 |
| 500 נומערן „דער שפּיגל“ | הערש שישלער | 24 |
| דער בוים פאַר מיין פענצטער | רחל מירסקי | 25 |
| די יידישע פּרעסע און דער וועלט | | 27 |
| יידישע טעאַטער־נייעס | | 28 |
| פאַרשיידנע קולטור־נייעס | | 30 |
| לאָנדאָנער קולטור־ידיעות | | 31 |
| ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע ; מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטיקס ; אויפרוף פון דער אַדמיניסטראַציע | | 32 |



**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אבאָנענט־פּרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England